ערמארדעט דעם ייד. הויזווירט פון זאוואדזקא 36
זעה 3-טע זייט.

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען | היינט 10 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 29[illegible]/1587 | Łódź, Niedziela 16 grudnia 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, ג׳ טבת תרפ״ט | Nr. 292/1587

Adres Redakcji i Administracji: **Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71.** | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: **לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71**

W dniu 15 grudnia r. b. zmarł po długich i ciężkich cierpieniach

B. P.

Dr. KAROL
POZNAŃSKI

przeżywszy lat 68.

Wyprowadzenie zwłok z mieszkania na cmentarz starozakonnych nastąpi w poniedziałek, o godz. 12-ej w południe, o czem zawiadamiają krewnych, przyjaciół i znajomych pogrążeni w głębokim smutku

**ŻONA, SYNOWIE, SYNOWE
i RODZINA.**

3147

W dniu 15 b. m. zmarł Dr. CHEMJI

3149

b. p. Karol Poznański

Długoletni Członek Zarządu Szpitala Starozakonnych Fund. Małż. Poznańskich w Łodzi.

W Zmarłym Szpital stracił Oflarnego i Oddanego Szpitalowi Opiekuna.

Zarząd.

W dniu 15 b. m. zmarł po długich i ciężkich cierpieniach

B. P.

KAROL POZNAŃSKI

DOKTÓR CHEMJI

Długoletni członek naszej Rady Nadzorczej.

W zmarłym straciliśmy światłego doradcę, oddanego całkowicie sprawom firmy członka, oraz nieskazitelnego charakteru człowieka, o którym Pamięć na długo w sercach naszych zachowaną będzie.

Cześć Jego Pamięci!

Rada Nadzorcza
Spółki Akcyjnej Wyrobów Bawełnianych
I. K. POZNAŃSKIEGO w ŁODZI.

3168

ווידער אַ מאָרד אין מיטען שטאָט

אויף אַ געהיימניספולען אופן איז ערמאָרדעט געוואָרען דער יודישער הויזווירט פון זאַוואַדזקא 36, מיכאל קרול.

(—) נעכטען אין אָווענד איז ווידער אין צענטער פון שטאָט פאָרגעקומען אַ אכזריות׳דיגער מאָרד איבער דעם יודישען הויזווירט מיכאל קרול פון זאַוואַדזקא 36.

דאָס הויז אויף זאַוואַדזקא 36, וואָס געהט ארוים אויך אויף אַל. 1-טער מאַי 15 געהערט צו דעם רייכען הויזווירט דעם 72-יעהריגען מיכאל קרול. קרול איז אַן אַלמן און וואוינט מיט זיין פריי-ליידיגען זוהן נאַטאַן און דעם דינסט-מיידעל וויקטאָריאַ קוקולסקאַ אין 5 צימערען און קוך אויפ׳ן ערשטען שטאָק פון זאַוואַדזקא 36.

נעכטען אין אָווענד ארום 10 אַ זייגער איז דער לאָקאַטאָר פון דעם דערמאָהנטען הויז דער בעוועלבער בערקאָוויטש ארויפגעגאַנגען צום ווירט כדי איהם צו בעצאָהלען דירה-געלד. ער האָט עטליכע מאָל געקלונגען אין דער פראָנט-טיר אָבער קיינער האָט נישט אויפגעמאַכט. בערקאָוויטש איז אפילו געוואָרען אויפגעפאַלענד פאַרוואָס מ׳עפענט איהם נישט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ביי דעם הויזווירט איז שטענדיג עמיצער דאָ אינדערהיים, ער האָט אָבער דערויף נישט געלעגט קיין אַכט און געוואָלט צוריקגעהען אין זיין וואוינונג, ער האָט זיך אָבער איבערגעלעגט און איז נאָכאַמאָל ארויף צום הויזווירט דורך דער קיך-טיר. דאָרט האָט ער געטראָפען די טיר אָפען און אין דער גאַנצער וואוינונג איז געווען פינסטער. ער האָט גערופען אויפ׳ן ווירט איינמאָל און נאָכאַמאָל, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט.

בערקאָוויטש האָט פאַרגעפיהלט, אַז ס׳איז עפּיס נישט אַלץ אין אָרדנונג און האָט מורא געהאַט אַריינצוגעהען ער איז דעריבער אראָפּ אויפ׳ן הויף און דערצעהלט וועגען דעם עטליכע לאָקאַטאָרען, וועלכע האָבען אַלאַרמירט דעם איידעם פון קרול׳ן, שעוועלעוו, וועלכער וואוינט אויף דעם זעלבען הויף. שעוועלעוו איז אַריין אין דער וואוינונג פון זיין שווער און אָנגעצונדען דאָס עלעקטרישע ליכט און אין צימער פון דינסט-מיידעל איז געלעגען וויקטאָריאַ קוקולסקאַ אָהן בעוואוסטזיין. אַלע בעמיהונגען זי אויפצווועקען האָבען זיך נישט איינגעגעבען. שעוועלעוו איז דעריבער געגאַנגען ווייטער, אָנגעצונדען די עלעקטריע אין קאָרידאָר און דאָ האָט זיך די אָנוועזענדע פאָרגעשטעלט אַ שוידערהאַפט בילד.

אויף דער פאָדלאָגע אין קאָרידאָר איז געלעגען דער 72-יעהריגער מיכאל קרול אין אַ קאַלוזשע בלוט. מ׳האָט תיכף אַלאַרמירט די פאָליציי און די פאָגאָטאָוויע. מיט דער קאַרעטקע פון פאָגאָטאָוויע זענען אָנגעקומען די דאָקטוירים ראַוויטש און מילקע, וועלכע האָבען פעסטגעשטעלט, אַז קרול איז טויט. דער טויט איז געקומען דורך אַ רעוואָלווער-קויל אין שלייף. ווי די דאָקטוירים האָבען ווייטער פעסטגעשטעלט, האָבען די באַנדיטען צוגעלעגט דעם רעוואָלווער האַרט צו קרול׳ס שלייף.

וואָס שייך דעם דינסט-מיידעל האָבען די דאָקטוירים פעסטגעשטעלט, אַז זי איז נאָר בעטויבט אָדער שיכור און אַז זי וועט אין אַ קורצער צייט קומען צום בעוואוסטזיין.

ביים דערשאָסענעם קרול האָט מען געפונען זיין גאָלדענעם זייגער, גאָלדענעם פאָרטסיגאַר, בריליאַנטענעם פינגערל און אַ ליידיגען טייסטער. צי דער טייסטער איז לחלוטין געווען ליידיג, אָדער די באַנדיטען האָט איהם אויסגערויבט איז נישט בעוואוסט. יעדענפאַלס איז אין דער גאַנצער וואוינונג גאָרנישט געווען געריהרט.

אויפ׳ן אָרט פון דעם שרעקליכען געשעהעניש איז באַלד אָנגעקומען אַ פאָליציי-אָפּטיילונג פון 4-טען קאָמיסאַריאַט, פּראָקוראָר שמיט, אינספּעקטאָר ניערושעלסקי און פּאָדאינספּעקטאָר נאָסעק, וועלכע זענען גלייך צוגעטרעטען צו דער אויספאָרשונג. דאָס דינסטמיידעל איז נאָך אַלץ געלעגען אָהן בעוואוסטזיין.

דאָס פּוטער פון ערמאָרדעטען איז געהאָנגען אויפ׳ן הענגער אין קאָרידאָר. דאָס ערקלעהרט זיך דערמיט, וואָס קרול איז מיט אַ האַלבע שעה פריהער איידער דער מאָרד איז ענטדעקט געוואָרען געווען זיך אָפּרעכענען ביי זיינס אַ לאָקאַטאָר אַ געוויסען קאַפּטשאַזסקי, דאָרט איז ער געווען אָהנע אַנ׳אויבער-מלבוש, וועהט אויס, אַז ווען קרול איז צוריקגעקומען פון קאַפּטשאַזסקי׳ן אין זיין אייגענע וואוינונג איז דער מערדער דאָרט געווען און קרול איז דערשאָסען געוואָרען.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז קיינער פון די לאָקאַטאָרען האָט קיין שום שאָס נישט געהערט. קרולס פריילײדיגער זוהן: נאַטאַן איז בעת מעשה געווען ביי זיין כלה פּרל. טענענבוים, וועלכע וואוינט אויך אויף זאַוואַדזקא 36 אַקעגען דער וואוינונג פון קרול׳ען.

די פאָליציי האָט אַרום 11 אַ זייגער נאָכאַמאָל אַרויסגערופען די שטאָטישע פאָגאָטאָוויע, כדי צו ברענגען צום בעוואוסטזיין דאָס דינסטמיידעל קוקולסקאַ, אָבער דאָס האָט זיך נישט איינגעגע-

(ווייטער זעה 8-טע זייט).

געז. אינטערנאַט פאַר יודישע קינדער און פערמע אין העלענובעק (גמינע ראַדאָגאָשטש).

דינסטאָג, דעם 25 דעצעמבער 1928, 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג וועט פאָרקומען אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאָדז, צעגעלניאַנאַ 4,

די יעהרליכע

אַלגעמיינע פערזאַמלונג

פאַר די מיטגלידער פון אונזער געזעלשאַפט,

מיט׳ן פאָלגענדען סדר-היום: 1) ערעפענונג פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג; 2) וואַהלען פון אַ פּרעזידיום צו דער פערזאַמלונג; 3) דין-וחשבון פון דער טעטיגקייט פאַר דער צייט פונ׳ם 1 יאַנואַר 1927 ביז׳ן 31 מערץ 1928; 4) בעריכט פון דער רעווידיר-קאָמיסיע; 5) בעשטעטיגונג פון בודזשעט אויף דער צייט פון 1 אַפּריל 1928 ביז׳ן 31 מערץ 1929; 6) בעפולמעכטיגונג אויף קויפען נייע פּלעצער און בוי-אונטערנעהמונגען; 7) וואַהלען פון אַ נייער פערוואַלטונג און רעווידיר-קאָמיסיע; 8) פרייע אַנטראַגען.

אינ׳ם פאַל, אַז ס׳וועט נישט ערשיינען צו דער צייט די פאָרגעשריבענע דורך די סטאַטוטען צאָהל מיטגלידער, וועט די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פאָרקומען צום צווייטען טערמין, אין דעם זעלבען טאָג, אינ׳ם זעלבען לאָקאַל, 6 אַ זייגער אין אָווענד, און וועט זיין בעשלוס-פעהיג, נישט אָפּהענגיג פון דער צאָהל ערשיינענדע מיטגלידער.

די פערוואַלטונג.

בעקאַנטמאַכונג.

די פערוואַלטונג פון „מלבוש ערומים"

מאַכט בעקאַנט דער יודישער בעפעלקערונג, אַז היינט, זונטאָג, 16. דעצעמבער ד. י. 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג-קומט פאָר אין לאָקאַל פון האַנדווערקער-קלוב, פּאָלודניאָוואַ 4

די בעקליידונג פון 200 אָרימע קינדער

צו וועלכער די יודישע בעפעלקערונג ווערט העפל. איינגעלאַדען בייצוואוינען די שמחה פון די אָרימע קינדער.

די פערוואַלטונג פון „מלבוש ערומים", נאַרוטאָוויטשאַ 43.

האַנטווערקער-פעראיין

אגראַדאָוואַ 9.

אַכטונג מאַרינאַרקע-שניידער,

מיטגלידער פון ביידע פעראיינען און נישט מיטגלידער!

היינט 7 אָווענד – פאָרטזעצונג פון דער דיסקוסיע מיט די פאָרשטעהער פון 1-טען מאַי 2 וועגען זייער פאַך-טאַקטיק. די פאַך-קאָמיסיע.

פאַך-פערזאַמלונגען קומען פאָר:

היינט, 7 אָווענד – שטעפּער-הילפס-קאַסע.
„ 7 „ – דאַמען מאַגאַזין-שניידער.
מאָרגען, 7 אָווענד – פּאַרלעך-מאַגאַזין-שניידער.
„ 7 „ – צייג-הויזען-שניידער.

צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון אונזער ליבען שעף

נ. ע.

מאַריץ בערגמאַן

דריקען מיר אויס דער שווער-געטראָפענער פאַמיליע אונזער טיפסטען מיטגעפיהל

דאָס פערסאָנאַל פון דער פירמע

„עוועלינאַ".

סניף יבנה ע״י המזרחי בלודז.

דער סניף יבנה ביים היגען מזרחי עפענט אויף פון ניי-יאָהר אָן

אָווענד-קורסען

אין דעם לאָקאַל פון בית-אלפנא צעגעלניאַנאַ 60, טעל. 46-76

א) פאַר די קינדער, וואָס לערנען אין די פאָלקס-שולען, וועלכע קענען שוין לעזען און שרייבען העברעאיש, וועט אונענטגעלטליך אונטעררי׳כט ווערען. 1-טע גרופּע: חומש, רש״י, נביאים, דינים און די העברעאישע שפּראַך. 2-טע גרופּע: חומש, רש״י, נביאים, משנה, גמרא, שולחן ערוך, או״ח און העברעאיש.

ב) גלייכצייטיג ווערען געעפענט קורסען פאַר דערוואַקסענע, וועלכע ווילען זיך פּערפעקציאָנירען אין העברעאיש, פּויליש, מאַטעמאַטיק—און אויב ס׳וועט זיך בילדען אַ גרופּע, וועלכע גרייטען זיך צו אלס חלוצים צו פאָהרען קיין ארץ-ישראל—אויך ענגליש. די קורסען וועלען געלייטעט ווערען דורך בעקאַנטע פּעדאַגאָגען אין רעליגיעז נאַציאָנאַלען גייסט. איינשרייבונגען נעמט אָן דאָס סעקרעטאַריאַט יעדען טאָג פון 4—7 נאָכמ. פון היינט, זונטאָג ד' 16 דעצ. אָן אין לאָקאַל פון בית אלפנא, ציגעל-גאַס 60. וכל הקודם זכה.

בעקאַנטמאַכונג.

דער קאָלאָניאַל-קליינהענדלער-פעראיין, צעגעלניאַנאַ 15

מאַכט בעקאַנט זיינע מיטגלידער, דאָס אויפ׳ן סמך פון דער עוראָיבאַניש פון דער פינאַנץ-קאַמער נעהמען מיר פון היינט אָן

איינצאָהלונגען אויף פּאַטענטען אויפ׳ן יאָהר 1929.

בעמערקונג: מיר מאַכען בעקאַנט דאָס ה׳ ווייסבערג איז פון 1-טען דעצעמבער נישט מעהר טעטיג אַלס סעקרעטאַר פון פעראיין.

אַ קאַסע-שראַנק

צו פערקויפען געלעגענהייטליך. וואָלבאָרסקאַ 4 (ביים ווירט).

Dr. med. St. Heinrich

POMORSKA 10, TEL. 47-67

ספּעצ. פון אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטע

בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ לאַמפּען-שטראַהלען

נעמט אָן פון 3–2 אָכמ. און פון 7–4 אָווענד

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז פרייטאָג ד. 14 דעצעמבער ד. י. געשטאָרבען און דעמזעלבען טאָג צו קבורה געקומען מיין ליבער מאַן, אונזער הייסגעליבטער פאָטער, גרויספאָטער, שוויגערפאָטער און אָנקעל אין עלטער פון 68 יאָהר

נ״ע

אברהם משה ב״ר ז״ל טישבעראָוויטש

וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

3157

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען מיין ליבער מאַן, אונזער פאָטער, גרויספאָטער און אורגרויספאָטער

נ. ע. צבי הירש גאָלדשטיין

אין עלטער פון 69 יאָהר.

די לויה קומט פאַר היינט, זונטאָג, 12 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער הויז קאַשטשעלנאַ 4

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

3169

ערשיטערט צוליב׳ן טויט פון אונזער ליבען און אונפערגעסליכען שוואָגער

נ״ע מאַריץ בערגמאַן

דריקט אויס דעם טיפסטען ביילייד דער שווער געטראָפענער פרוי און פאַמיליע

האַררי קאַסרילעוויטש און פאַמיליע.

יאָר ז,
16 דעצעמבער 1928

„נייער פאָלקסבּלאַט"

ראַ־ז.
16 דעצעמבער 1928

רעכט צו אַרבּייט אויפ'ן ריכטיגען וועג.

בּיי די ויכּוחים אַרום בּיודזשעט אין די סיים־קאָמיסיעס האָבּען זיך אַרויסגעוויזען צוויי טענדענצען. בּנוגע יודען: אָדער אויסלאַכען אָדער איגנאָרירען.

ש

מיר מיינען, אַז דאָס איז נישט קיין צופאַל, אָבּער אפשר אויך נישט אינגאַנצען קיין בּייזער ווילען. די סיבּות זענען מעגליך אַ סך טיפערע.

בּיי די איצטיגע בּיודזשעט־ויכּוחים האָט רעפּ. העלער געפאָדערט בּפה מלא רעכט אויף אַרבּייט. דאָס איז געווען בּיים בּעטראַכטען דעם בּיודזשעט פון מיניסטעריום פאַר אַגראַר־רעפאָרמען און איז אפשר די ערשטע רעדע פון אַ יודישען פאַרשטעהער פון „קאָלאָ", וואָס האָט אויסגעדריקט מיט אמת'ער איבּערצייגונג און פעסטקייט אונזערע נויטען און פאָדערונגען: ערד און אַרבּייט פאַר דער פאַראָרימטער יודישער בּעפעלקערונג!

אויסשיכטונג! — דער לאָזונג, וואָס איז געוואָרפען געוואָרען מיט דריי יאָהר צוריק פון אַ הייפּעלע פּאָליטישע טוער מיט'ן פערשטאָרבּענעם ה. ד. נאָמבּערג בּראש, ווערט ווילענדיג, נישט ווילענדיג, דער לאָזונג פון דער יודישער פּאָליטיק. דאָס איז דער כּוח פון אַ געדאַנק, וואָס האָט זיינע וואָרצלען אין לעבּען!

זאָל נאָר די יודישע עפּאָליטיק אַרויפגעהן אויף ריכטיגע רעלסען (דערווייל איז עס בּלויז אַ גוטע התחלה), וועט אונז דאָס חוזק־מאַכען אָדער איגנאָרירונג פון אונזערע מאַכטהאָבּער שוין נישט אַזוי שרעקען. אויך זיי וועט די צייט מוזען היילען. זיי וועלען לאַנג נישט קענען חוזק'ן אָדער שווייגען, בּעת מיר וועלען שאַרף און בּולט שטעלען אונזערע סאָציאַלע פאָדערונגען בּיי יעטווידער געלעגענהייט. זיי וועלען ענדליך מוזען בּעגרייפען, אַז פערענטפערען די דאָזיגע פראַגע איז נישט בּלויז אין די אינטערעסען פון די יודען, נאָר אויך אין די אינטערעסען פון דער מלוכה גופא.

דער פּרעמיער בּאַרטעל האָט אויף אַ פאַרוואָהל־פאַרזאַמלונג צום סיים גערעדט מיט גרויס פּאַטאָס וועגען אַרבּייט: „ווען מיר וואָלט אויסגעקומען צו אויפהערען אַרבּייטען, וואָלט איך מעהר נישט געקענט לעבּען". נאָך שפּעטער, האָט ער געזאָגט, רוכט זיך, נישט מעהר און נישט ווייניגער: „ווער עס אַרבּייט נישט, דער האָט נישט קיין רעכט צו לעבּען".

אין אַ מלוכה, וואו דער פּרעמיער האָט אַזוינע בּעגריפען וועגען פּראָבּלעם פון אַרבּייט (ווייל אָהן דעם קאָן איצט קיין מלוכה נישט עקזיסטירען), וועט די שטים פון יודען וועגען רעכט אויף אַרבּייט מוזען דערהערט ווערען. און אויבּ איצט איגנאָרירט מען נאָך אונזערע פאָדערונגען, איז עס בּלויז אַ סימן, אַז אין די רעגירונגס־קרייזען איז מען נישט גענוג דורכגעדרונגען מיט אונזערע אמת'ע נויטען.

אין דעם דאָזיגען פּרט זענען יודען, אפשר נישט ווייני גאַליין אויך שולדיג.

יאָהרען־לאַנג רעדען די אָפיציעלע יודישע פאַרשטעהער פון די פּאָליטישע טריבּונעס מיט אַזאַ לשון, אַז ס'קומט אויס, אַז אַלע יודישע צרות שטאַמען פון „נומערוס קלאַוזוס", קאָנצעסיע־גזירה וכדומה. קיינמאָל האָבּען נאָך אונזערע אָפיציעלע פּאָליטיקער נישט אויסגעדריקט דעם גאַנצען צער און צאָרן פון אונזער קלאָגעדיגער סאָציאַלער סטרוקטור אין אַ בּולטער קלאָהרער פאָרם. דעריבּער זענען די דאָזיגע נייע געדאַנקען און פאָדערונגען (אָבּער נאָך נישט אויסגעדריקט געוואָרען אין דער גאַנצער בּרייטקייט און פערנעהם) אַזוי ניי, און אָפט מאָל אַפילו אומפערשטענדליך פאַר אונזערע רעגירער.

וועלען אָבּער אונזערע סאָציאַלע פאָדערונגען בּיי יעדער געלעגענהייט פונאַנדערגעוויקעלט ווערען אין זייער גאַנצען פערנעהם און מיט דער געהעריגער און זאַכליכער בּעגרינדונג, וועלע זיי סוף־כּל־סוף מוזען אַריינדרינגען אין די מוחות און אין די הערצער, און דאַן וועט מען נישט קענען אָפּקומען מיט סתם תשובות, אָדער נאָר מיט שווייגען.

אין דער יודישער געזעלשאַפט מוז זיך דעריבּער איצט קאָנצענטרירען די גאַנצע ענערגיע אויף דעם סאָציאַלען פּראָגראַם. צו די אַבּסטראַקטע לאָזונגען מוזען נאָך אויך קומען רעאַלע מעשים. ד יודישע געזעלשאַפט מוז קודם־כּל אַליין אָנהייבּען וואָס ממשות'דיגעס טון פאַר דער סאָציאַלער אויסשיכטונג (בּויען קאָלאָניעס, פערמעס, לאַנדווירטשאַפטליכע שולען, אויסגעפינען נייע אַרבּייטס־צווייגען וכדומה).

מיר מוזען ווייזען מיט מעשים דער רעגירונג אויף דער עפענטליכער מיינונג, אויף וועלכע וועגען ס'קען און מוז געהן די פערענטפערונג פון די יודישע נויטען.

ש. ל.

Dr. med.
B. Robinzon
אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען.
פעטריקאָווער 10, טעל. 31-86
נעהמט אָן פון 8—9½ פריה און פון 3½—4½ נאָכמ.

„פּראַוודא" בּעקלאָגט זיך,

אַז די צאָהל יודישע חדרים אין רוסלאַנד פערגרעסערט זיך.

מאָסקווע, (יט"א) די „פּראַוודא" דרוקט בּעריכטען פון בּריאַנסק און דנעפּראָ־פּעטראָווסק, אין וועלכע עס ווערט געזאָגט, אַז די צאָהל יודישע חדרים אין די געגענדען וואַקסט און, אַז די יודישע רעליגיע איז גאָר נישט אָפּגעשוואַכט. די צייטונג בּעקלאָגט זיך, אַז די קאָמוניסטען זענען נישט גענוג טעטיג אין זייער קאַמף געגען רעליגיע.

600,000 פראַנק פאַר דער רוסיש-יודישער קהלה אין פּאַריז.

פּאַריז, (יט"א) אַ נעוו. רוסישער עמיגראַנט וועלכער וואוינט שוין אין פראַנקרייך אַ לענגערע צייט האָט מנדב געווען לטובת דער רוסיש־יודישער קהלה אין פּאַריז „אוהל יעקב" 600.000 פראַנק.

צוזאַמען מיט די פינף טויזענד פונט וועלכע עס האָט געשפּענדעט אויף דעם זעלבּען צוועק בּאַראָן גינזבּורג, בּעזיצט שוין די יודיש־רוסישע קהלה 1,300,000 פראַנק, וועלכע האָט אַזוי אַרום בּעקומען די מעגליכקייט צוטרעטען צו בּויען אַן אייגענע שוהל.

„פעריודישונג פון דער דייטשער ראַדיאָ-סטאַציע",

אַנאינטערפּעלאַציע אין פּרייסישען סיים

בּערלין, (יט"א) אויף דער לעצטער זיצונג פון פּרייסישען פּאַרלאַמענט איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אַנ'אינטערפּעלאַציע וועגען דער „פעריודישונג" פון די רעפּעראַטען, וואָס ווערען אָנגעגעבּען דורך דער דייטשער ראַדיאָ־סטאַציע.

דאָס רופט בּלומרשט אַרויס אַ פערביטערונג צווישען די דייטשע ראַדיאָ־אַמאַטאָרען.

קונסט - סעקציע בּיים יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט.

ווילנע, (יט"א) בּיים יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט האָט זיך געגרינדעט אַ קונסט־סעקציע אויף צו שאַפען אין ווילנע אַ מוזעאום פון יודישער קונסט. דער אינסטיטוט האָט זיך געווענדעט מיט אַנ'אויפרוף צ ופערשידענע קונסט־געזעלשאַפטען, קינסטלער און פּריוואַטע פּערזאָנען וועגען שענקען דעם מוזעאום בּילדער, קונסט־צייכנונגען, מאָנאָגראַפיעס א.ד.ג. פיל פּערזאָנען האָבּען זיך שוין אָפּגערופען, צושיקענדיג פערשידענע בּילדער און צייכנונגען.

וואוינונגס-סטאַטיסטיק אין תּל-אבּיב.

ירושלים, (יטא") לויט די לעצטע סטאַטיסטישע פאָרשונגען געפינען זיך אין תּל־אבּיב אַ חוץ בּאַראַקען, סך־הכּל 9270 וואוינונגען. לויט דער גרויס טיילען זיך די וואוינונגען אויף פאָלגענדען אופן: 8־צימערדיגע וואוינונגען זענען אין תּל אבּיב פאַראַן — 5, 7־צימערדיגע וואוינונגען — 8, 6־צימערדיגע וואוינונגען — 37, 5־צימערדיגע 130, 4־צימערדיגע — 345, 3־צימערדיגע — 323, 2־צימערדיגע וואוינונגען זענען פאַראַן 3,445 און 1־צימערדיגע וואוינונגען — 4,408 ד. ה. אַז די איין־צימערדיגע וואוינונגען בּעטרעפען 47,5 פּראָצ. פון אַלע וואוינונגען אין תּל־אבּיב און די 2־צימערדיגע מאַכען אויס 37 פּראָצ. פון אַלע תּל־אבּיב'ער וואוינונגען. אַלזאָ נאָר 15,5 פּראָצ. פון אַלע תּל־אבּיב'ער וואוינונגען צעהלען מעהר ווי 2 צימערן.

וועגען קאָלעקטיווע אַרבּייטס-אָבּמאַכען אין ארץ-ישראל.

ירושלים, (יט"א) דער פערבּאַנד פון יודישע אינדוסטריעלער אין ארץ־ישראל האָט אויסגעאַרבּייט אַ פּראָיעקט פון אַ קאָלעקטיוו־אַרבּייטס־אָפּמאַך צווישען ד יאַרבּייטס־געבּער און אַרבּייטער. דער דאָזיגער פּראָיעקט איז איבּערגעשיקט געוואָרען דער „הסתדרות העובדים" צו בּעטראַכטען.

יודישער שטאַטישער טעאַטער ווערט געעפענט אין קיעוו.

מאָסקווע, (יט"א) אין קיעוו האָט זיך געעפענט אַ שטעטישער יודישער טעאַטער. דער הויפּט רע'שיסער פון דעם נייעם יודישען טעאַטער איז ז. ויין. עס זענען איינגעלאַדען געוואָרען אַלס קינסטלער די מאַלער טישלער און עפּשטיין. אין טעאַטער וועלען אויך אַרבּייטען די דיכטער און ליטעראַטען, פעפער, האָפשטיין, ג. לוריע און ל. רעזניק.

געוו. סאָוויעטישער אַמבּאַסאַדאָר אין וואַרשא

וואָיקאָוו, האָט זיך פערנומען מיט יודישער געשיכטע.

מאָסקווע, (יט"א) איצט איז בּעקאַנט געוואָרען, אַז פּיאָטר וואָיקאָוו, דער ג. סאָוויעטישער אַמבּאַסאַדאָר האָט זיך פערנומען מיט שטודירען יודישע געשיכטע. עס זענען ענטדעקט געוואָרען אַ ריי פערצייכנונגען וועגען דער געשיכטע פון די יודען אין פראַנקרייך. די דאָזיגע פערצייכנונגען האָט וואָיקאָוו געמאַכט נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, בּעת ער איז געווען אין גלות אַלס אַ פּאָליטישער עמיגראַנט.

וואָיקאָווס פערצייכנונגען וועגען דער געשיכטע פון די יודען אין פראַנקרייך געפינען זיך איצט אין מאָסקווע, אין רשות פון דער אַלרוסישער געזעלשאַפט צו שטודירען יודישע געשיכטע, ליטעראַטור און שפּראַך.

אָבּטיילונגען פון דער יודישער קאַטעדרע בּיי דער אוקראַינישער וויסענשאַפט-אַקאַדעמיע.

מאָסקווע, (יט"א) אין אָדעס האָט זיך געעפענט אַנ'אָפּטיילונג פון דער יודישער קאַטעדרע בּיי דער אוקראַינישער וויסענשאַפט־אַקאַדעמיע דער לייטער פון דער אָדעסער סעקציע וועט זיין פּראָפ. י. מייערסאָן, וואָס האָט זיך בּעוואוסט געמאַכט דורך זיין בּוך געגען ארץ־ישראל.

אין קאַמף פאַר דער עפענטליכער אַנערקענונג

פון דער יודישער פּרעסע אין וויען.

(קאָרעספּאָנדענץ פון וויען צום „נייעם פאָלקסבּלאַט".)

די וויענער קאָרעספּאָנדענטען פון די אויסלענדישע יודישע און העבּרעאישע צייטונגען האָבּען נאָך יאָהרענלאַנגען קאַמף דורכגעזעצט אַ גרויס שטיק גלייכבּערעכטיגונג פון דער יודישער מיט דער נישט־יודישער אויסלאַנדס־פּרעסע בּיז אין די העכסטע אַמטען פון דער עסטרייכישער רעפּובּליק. דער קאַמף איז נאָך נישט פערענדיגט, אָבּער דער ערשטער דערפאָלג איז דערגרייכט געוואָרען דערמיט, וואָס בּיי דער צעהניאָהריגער רעפּובּליק־פייערונג וואָס וועט פאַרקומען מיט פערצווייגטע צערעמאָניעס, האָט מען ענדליך געמוזט איינלאַדען אויך אַנ־ענטשפּרעכענדע צאָהל יודישע אויסלאַנדס־קאָרעספּאָנדענטען צו די העכסטע אָפיציעלע פייערליכקייטען פון דער רעגירונג אַליין און אַפילו צום סאַמע הייליגסטען יום־טוב בּיים פּרעזידענט פון דער רעפּובּליק.

עס איז נישט קיין פראַגע פון כּבוד פאַר איינצעלנע יודישע זשורנאַליסטען. עס איז אַ גאָר וויכטיגער פונקט פון נאַציאָנאַלער גלייכבּערעכטיגונג און אויך פון געוויסע פּאָליטישע השפּעות בּיי אַזעלכע זעלטענהייטען, וואָס טאָרען נישט פערלוירען געהן אויך פאַר דער יודישער פּרעסע, די העכסטע שפּיצען פון דער שטאַאַטליכער מאַכט קומען בּיי אַזעלכע פעראַנשטאַלטונגען אין אַ פרייערער, דירעקטער בּעריהרונג מיט דער יודישער פּרעסע, דערוויסען זיך צומאָל בּלאַחר יד איבּערן יודענטום מעהר, ווי פון אָנגעצווייגטע פאָרמעלע קאָנפערענצען אָדער פון בּעשטעלטע אינטערוויוס און עס בּלייבּט אָפּט אַ פרישער, פערזענליכער איינדרוק פון יודען, וואָס גיבּען זיך אָן אַלס פערטרעטער פון אַ יודישער עפענטליכער מיינונג, עס שאַפען זיך בּיי אַזעלכע געלעגענהייטען גינסטיגע בּעריהרונגס־פּונקטען מיט די רעפּרעזענטאַנטען פון וויסענשאַפט, קונסט, פּאָליטיק, ווירטשאַפט און פינאַנצען פון גאַנצען לאַנד: אויף אַזאַ אופן פירט זיך איין אַ מעהר־נאַטירליכע יודישע גלייכשטעלונג דורכ'ן פאַקט פון פּערזענליכע און געזעלשאַפטליכע בּעגעגענישען אויף אַזעלכע הויכע פּלעצער מיט יודען אַלס רעפּרעזענטאַנטען פון יודישע צייטונגס־אונטערנעהמונגען אין פיל לענדער. עס מאַכט אויף אַלעמען אַנ'איינדרוק, ווען מען זעהט למשל ווי דער בּונדעסקאַנצלער ד"ר סייפּעל אָדער אַמבּאַסאַדאָרען פון מעכטיגע מלוכות בּעגריסען זיך העפליך אויך מיט קאָרעספּאָנדענטען פון יודישע אויסלאַנדס־בּלעטער און האַלטען אָפּ אַ שטיקעל שמועס. און עס איז אין אַ געוויסער מאָס אויך אַ דערהויבּונג פון יודישען פּרעסטיזש, ווען דער פּרעזידענט פון דער רעפּובּליק נעהמט אָן צווישען אַנדערע גראַטולאַציעס אויך אַ גליקוואונש פון דער יודישער אויסלאַנדס־פּרעסע מיט אַ בּעזונדערען טראָפּ אויפ'ן וואָרט יודיש. דורך דעם ווערט נישט בּלויז די יודישע פּרעסע, נאָר אויך דער יודענטום בּכלל אַריינגעפיהרט פּאָליטיש אין דער וועלט פון הערשענדע און רעגירענדע קרייזען אַלס גלייכער פּאָליטישער פאַקטאָר פון אינטערנאַציאָנאַלער בּעדייטונג.

אין דאָזיגען וויכטיגען אויפטו פון אַ בּעזונדערער אָרגאַניזאַציע פון אַלע יודישע און העבּרעאישע אויסלאַנד־קאָרעספּאָנדענטען. האָט וויען געמאַכט דעם אָנהויבּ און געגעבּען אַ בּיישפּיל פאַר אַנדערע אייראָפּעאישע הויפּט־שטעט ווי בּערלין און לאָנדאָן, וואו מען האָט געלערענט פון וויען די מעגליכקייט דורכצופיהרען קאָלעקטיוו די גלייכבּערעכטיגונג פון דער יודישער און העבּרעאישער אויסלאַנדס־פּרעסע און דערהויבּען איהר פּרעסטיזש. דאָס וועט און מוז נאָכגעמאַכט ווערען אין אַלע אַנדערע פּאָליטישע צענטערס, כּדי צו געוואוינען די מלוכה'שע פּרעסע־אַמטען און די טאָנגעבּענדע פּאָליטישע פאַקטאָרען פון דער נישט־יודישער עפענטליכקייט אָפּשאַצען געהעריג דעם פּאָליטישען ווערט פון דער יודישער אויסלאַנדס־פּרעסע און בּעציהען זיך מיט אינטערעסע און מיט דרך־ארץ צו דער יודישער עפענטליכער מיינונג אין יעדען לאַנד. די יודישע אויסלאַנדס־זשורנאַליסטען פון גרעסערן פאָרמאַט האָבּען אויף דעם געבּיט נאָך יאָהרלאַנג נאָר וויכטיגע אַרבּייט פון אַ גרויסער פּאָליטישער, ערציהערישער און אינטערנאַציאָנאַלער בּעדייטונג.

אויף דעם געבּיט איז פיל יאָהרען שטאַרק געזינדיגט געוואָרען, דורך נאַכלעסיגקייט און אומפערשטענדעניש מצד דער יודישער זשורנאַליסטיק. אין אַלע לענדער זענען פערהאַן אָרגאַניזירטע קאָרפּערשאַפטען פון די אויסלענדישע פּרעסע־פאַרשטעהער, וועלכע שפּילען אַ וויכטיגע ראָלע אין דער פּאָליטיק פון די לענדער, וואו זיי זענען אַקרעדירט. מען רעכענט זיך צומאָל מיט זייער מיינונג נישט ווייניגער ווי מיט דער מיינונג פון די אַקרעדיטירטע אַמבּאַסאַדאָרען און אַנדערע דיפּלאָמאַטישע פערטרעטער פון פרעמדע מלוכות. זיי פערשטעהן צו מאַכען אַ פּאָליטישען און נאַציאָנאַלען „ושאַב" לטובת זייער פּאָליטיק אָדער זייער פּאַרטיי פון דער דאָזיגער זשורנאַליסטישער מאַכט־פּאָזיציע. אין איינצעלנע פאַלען מעג עס זיין ריכטיג אָדער נוצליך, אַז אויך יודישע אויסלאַנדס־קאָרעספּאָנדענטען זאָלען זיך איינשרייבּען אין די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס פון אויסלענדישע פּרעסע־קאָרעספּאָנדענטען. דאָס קאָן דערווייל מעגליך זיין נאָר פאַר יחידים, אָבּער נישט פאַר'ן גאַנצען קיבּוץ פון יודישע אויסלאַנדס־זשורנאַליסטען. ערשטענס קלויבּט מען דאָרטען — אפשר מיט רעכט — זעהר שטאַרק די מיטגלידער דאָס אויפנעהמען, אַריינלאָזענדיג נאָר אַזעלכע, וואָס לעבּען פון פּולקאָם פון זשורנאַליסטישער אַרבּייט, וועלכענס איז נאָך לאַנג נישט דער פאַל בּיי אַ גרויסען טייל פון יודישע אויסלאַנדס־קאָרעספּאָנדענטען. דאָס איז פערבּונדען מיט'ן עקאָנאָמישען צושטאַנד פון דער יודישער און העבּרעאישער פּרעסע, פאַר וועלכען דער יודישער זשורנאַליסט איז נישט פעראַנטוואָרטליך. צווייטענס הערשט אויך אין די אַלגעמיינע פּרעסע־קאָרפּאָראַציעס אַ געוויסער, פערמאַסקירטער נומערוס קלויזוס, פאַר יודישע שרייבּענדיגע זשורנאַליסטען. דערום וואָלט עס געווען אומאַראַליש, אַז די פּאָר „בּעסערע" יודען זאָלען אַריין אין דער אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, איבּערלאָזענדיג די אַנדערע חברים־שרייבּער אין אַ געוואוינגענע געטאָ. דריטענס, קאָן מען פון אַנ־אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע נישט אַרויסטרעטען אַזוי פריי און אַזוי בּעשטימט פאַר'ן פּרעסטיזש פון דער יודישער פּרעסע. ווי דאָס איז, לויט דער וויענער ערפאַהרונג מעגליך פון אַ בּעזונדערען יודישען פערבּאַנד. עס וועט געוויס קומען אַמאָל די צייט, ווען יעדער יודישער אויסלאַנדס־קאָרעספּאָנדענט וועט זיך בּעגנוגענען מיט דער מיטגלידערשאַפט אין דער אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער זשורנאַליסטען־קאָרפּאָראַציע. דאָס וועט זיין מעגליך און געוואונשען ערשט נאָכדעם, ווען ס'וועט אומעטום זיין דערגרייכט די פולע גלייכבּערעכטיגונג פון דער יודישער פּרעסע און פון איהרע אויסלענדישע פערטרעטער.

די דאָזיגע וויכטיגע עמאַנציפּאַציע־אַרבּייט פאַר אונזער יודישער פּרעסע געהט אין עסטרייך מיט דערפאָלג ווייטער. אויבּ זי וועט אויך אין אַנדערע לענדער געמאַכט ווערען פון וועלבּיגען געזיכטספּונקט, מיט דער וועלבּיגער היצע און ענערגיע און מיט די גלייכע נאַציאָנאַלע און עטישע צילען, דאַן וועט זיך עפענען פאַר דער יודישער פּרעסע אַ גרויסער פעלד פון נייע השפּעות און דערפאָלגען אויך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

מ. א. טענעבּלאַט.

לומפען פראלעטאריאט! טיפען און בילדער פון דער לאדזער אונטערוועלט.

אויב מיר רעדען וועגען א חתונה, האבען מיר אין זין בלויז חופה וקדושין פון קיין פארמעלע חתונה־אקטען האלט מען נישט אין די קרייזען פון דער אונטערוועלט אפילו די אימפאזאנטסטע חתונות ווערען ביי זיי איינגעארדנעט אויך נאר אויפ'ן סמך פון א בלויזען שפיל־צעטעל.

די דאזיגע לויזע בעציהונג צום פאמיליען־לעבען ערקלערט זיך קודם כל מיט דער עקאנאמישער אונאפהענגיגקייט פון דער דארטיגער פרוי און צווייטענס מיט דער גלייכגילטיגקייט פון יענע עלעמענטען צום גורל פון זייערע קינדער.

באלד ווי אזא קינד דערזעהט נאר די ליכטיגע וועלט מוז עס שוין אנהייבען אויף זיינע יונגע פלייצעלעך צו שלעפען דעם שווערען יאך פון פרנסה.

כל זמן עס קאן זיך נאך אליין נישט שטעלען אויף די פיסלעך וויקעלט עס די מאמע איין אין א בארג ברודיגע שמאטעס און לאזט זיך דערמיט אין גאס אריין ווייכער מאכען די פערשטיינערטע הערצער פון די פארבייגעהענדע מענשען.

טרעפט זיך אבער א מוטער, וועמען גאט האט בעשאנקען מיט א בכבוד'יג אויסזעהען און זי האט נאך דערצו האלבוועגען לייטיש אנצוטון, לוינט איהר גלייכער צו „ארבייטען" פאר אן „ארר־מער כלה", „עקסמיטירטער" עווענטועל „אפגעברענטער" פאמיליע אדער סתם פאר אן „עלענדען קראנקען". אין אזא פאל פערדינגט די מוטער דאס „יאטעל" אלס „וויסט יתומל" פאר א בעשטימטען כאנ־לוין אנ'אנדערער „טערכענטע".

שפעטער ווען דער פעטפיק ווערט עלטער און קאן שוין אליין כאמפלען, הייבט ער אן ארומצופיהרען א בלינדען „טערכענער" איבער די היזער.

געוועהנליך ארבייט אזא יאטעל אויף „סטאלע נאושע" אדער לויט פעסטגעשטעלטע פראצענטער פון טעגליכען „פערדינסט".

צוזאמען מיט'ן „סאביק", וואס ער לאזט צו זיך אראפ אין קעשענע, בלייבט איהם איבער א 2—3 גילדען א טאג, א חוץ ברויט און אנדערע קלייניגקייטען, וואס פאלט רעסגלייכען אין משך פון טאג, לאנג פערבלייבט אזא יאטעל נישט ביים בלינדען. ער הויבט באלד אן צו פרובען „ארבייטען" אויף אייגענער ריזיקע.

ס'זענען אויך פערהאן פיל קינדער, וועלכע לאזען זיך אויפ'ן „פענט" שוין פון דער פריהסטער יוגענט גאנץ אליין אהן „בעל־הבית", אלס איינס, צו זיי געהען איבער די שטובען און געשעפטען אדער נודזשען אויף דער גאס די פערבייגעהער.

דער גרעסטער טייל פון דער דאזיגער יונגער חברה נעהמען זיך צו דער אמת'ער ארבייט ערשט אין אווענד, ווען די גאס איז איבערפולט מיט שפאצירענדע. די יאטלעך זענען אזוי געניפט, אז זיי וועלען זיך נישט צוריהרען צו איינזאמע און עלטערע דורכגעהער, ווייל זיי פערשטעהען אויסגעצייכענט, אז ביי א עלכע „טערקען" וועלען זיי קיין גליקען נישט דערלעבען. דאגעגען ווארפען זיי זיך מיט'ן גאנצען אימפעט אויף פערביי שפאצירענדע פארלעך, רעמאנדיג, אז דער „הער לעבען" וועט זיך מסתם שעהמען פאר דער „מאדאמעשי" אדער „פרייליינש" אפצוזאגען אנ'עלענער יתום'ל און וועט דעריבער אויסקראצען פון דער קעשענע די לעצטע פאר גראשען און אוועקגעבען.

אזא „יאטעל" קאן אין אנאווענד זיך צוזאמענשאפען ביי א גינסטיגען וועטער, פערשטעהט זיך, א שיינע פאר גראשען.

נישט אלע „יאטלעך" הויבען אבער אן ווייטער זעלבסטשטענדיגע טעטיגקייט פון „פענט". א געוויסער טייל לאזען זיך מיט זעקלעך אויף די פלייצעס איבער די שמיטעניקעס קלויבען שמאטעס. אנדערע פערדינגען זיך צו קאטערינקאזשעס נאכצוטראגען דעם פאפוגאי אדער דאס ים־חזיר'ל, די מעהר געשיקטע ווייטער פראקטיצירען ביי זיי אלס קונצענמאכער. מען מוז אויך צוגעבען, אז א גרויסע צאהל קינדער ווערען באלד איינפאכע גנבים, אדער אפעריסטען.

ווי מיר זעהען, איז אין די לומפענפראלעטארישע קרייזען נישט פערהאן קיין קינד, וואס זאל ליגען אויף די עלטערענס פלייצעס. יעדעס פערדינט אויף אזא אדער אנדערען אופן און ברענגט דאס פערדינסט א היים די עלטערען.

אזוי ווי קינדער פעהלען ב"ה נישט ביי יענע עלטערן, האבען זיי זיך טאקע אויף פרנסה נישט וואס זיך צו בעקלאגען. ס'זענען זאגאר פערהאן פאמיליעס, וועלכע פערמאגען א סך געלד און האבען זיך שוין אפילו „דראפיעט" צו אייגענע היזער.

אויף קליידונג שענקט מען אין יענע קרייזען וועניגער אויפמערקזאמקייט. פונדעסטוועגען, אויב מען מאכט זיך יא שוין עפיס אנצוטון, איז עס פון די טייערסטע שטאפען. וואס קומט אבער ארויס, אז מענען זיי זיך אנטאן אפילו אין כאמעט און אין זייד, איז עס פונקט אזוי צוזאמענגעשטעלט, ווי זייער „לוקסוסאווע שטובען־מעבעל", אהן יעדען חן און געשמאק.

דער איינציגער אידעאל פון זייער פלאכיג טאג־טעגליך לעבען איז דאס פרעסען און זויפען און ווידער אמאל דאס פרעסען און זויפען. פאר דער פרעס זענען זיי גרייט אויך צו פערקויפען אלץ און אלעמען און זיך (צו לאזען אויף די ריזיקאלסטע וועגען.

דאכט זיך, אז ווען ס'וואלט געפיהרט געווארען א גענויע סטאטיסטיק, וויפיל אינדיקעס, גענז קאטשקעס, ביר און בראנפען יעדער געזעלשאפטליכער קלאס פערברויכט, וואלט בעשטימט דער לומפענפראלעטאריאט געשלאגען רעקארד.

ווי באלד מיר רעדען שוין וועגען גרופען־פערהעלטענישען, דארף מען קאנסטאטירען, אז אין שיכט לומפענפראלעטאריער האט פיינד און פעראכטעט דעם אנדערן, אזוי צב"ש וועגען גנבים פערהאסט אויף אלפאנסען און פראסטיטוטקעס. ביידע גרופעס ליידען נישט קיין שנארערס און קאטערינקאזשעס. זיי אלע אבער האלטען גערן אונז, דערטרונקען אין א לעפעל קאכעדיג וואסער.

נישט געקוקט אויף דעם געגענזייטיגען אינערליכען גרופען־אנטאגאניזם, שטעלט אבער דער לומפענפראלעטאריאט מיט זיך פאר א פעסט געשלאסענע קאסטע מיט א גאנץ אייגנארטיגער אידעאלאגיע. געוויס זענען פערהאן צווישען דער אונטערוועלט איינצעלנע שיכטען (שנארערס, פראסטיטוטקעס), וועלכע זענען זעהר לויז קאנסטיטואירט, אזוי אז צו זיי שווימען כסדר פריי צו פרישע עלעמענטען פון די אויבערשטע קלאסען.

דאגעגען די אלפאנסען האבען אלעמאל פארגעשטעלט מיט זיך א שטארק פערבאריקאדירטע גרופע, וועלכע האט נישט צוגעלאזט קיין נייע כחות.

לעצטענס האבען זיך אבער דארט אריינגעריסען גאנץ פרישע און יונגע עלעמענטען, וועלכע שטאמען אלענפאלס פון די אנשטענדיגע שיכטען פון דער געזעלשאפט.

די עלטערע זענען איינגאנצען אוועק פון דער חברה און זיך גענומען צו גאנץ בכבוד'יגע פרנסות.

אזא איבערגרופירונג און אויפפרישונג איז אויך פארגעקומען מיט'ן שיכט גנבים.

ווי מיר זעהען ווערען די רייהען פון לומפענפראלעטאריאט, וואס אמאל נעריכטער און דאס אויך כמעט אויסשליסליך, נאר אויפ'ן חשבון פון די אויבערשטע קלאסען. דאגעגען איז א זעלטענהייט, אז עמיץ פון יונגען דור זאל זיך פון יענער סביבה ארויסרייסען, זיך נעהמען צו אנ'אנשטענדיגער פרנסה און אנהויבען צו פיהרען אנ'עהרליך און בעשיידען לעבען.

אמת, איינצעלנע האט זיך איינגעגעבען אויסצולערנען א געוויסע מלאכה, אדער לאנג קאנען זיי זיך נישט דערביי האלטען. פון צייט צו צייט צינדט זיך אין זיי צוריק אן א בענקשאפט נאכ'ן ווילדען הפקר'דיגען לעבען און זיי קערען זיך אום צו זייער סביבה אויף שטענדיג אדער אויף א געוויסער צייט.

לעבט זיך שוין ווער יא אויס ביי דער אויסגעלערנטער מלאכה, האט ער חתונה פון יענער סביבה און ציהט פון דארט זיין גאנצע גייסטיגע יניקה.

אין משך פון פיל יאהרען האט זיך פון דארט בלויז איין און איינציגער יונגערמאן פולשטענדיג עמאנסיפירט. דאס איז א געוויסער ל. וו., זייענדיג כמעט נאך א קינד, האט ער שוין געפיהלט אנ'עקעל צום ארט לעבען פון זיינע עלטערן און סביבה. ער האט זיך מיט אלע כוחות גענומען אויסלערנען א מלאכה, דאכט זיך, אז שניידעריי. דעם ביסען פון מויל האט ער זיך אפגעשפארט און אנגעהויבען זיך פלייסיג צו בילדען, גענומען לעקציעס אויף פידעל־שפילען, געלייענט ביכער און צייטונגען. נישט דורכגעלאזט קיין איין קאנצערט אדער פארלעזונג, בעזוכט טעאטער און בכלל זיך בעמיהט צו געפינען אין אנ'אנשטענדיגער געזעלשאפט.

איצט געפינט ער זיך אין דייטשלאנד, פיהרט א בעשיידען און ארבייטזאם לעבען און איז זעהר געאכטעט אין די קולטור־געזעלשאפטליכע קרייזען פון דער דארטיגער יודישער עמיגראנטען־קאלאניע

ארגוס.

יודיש טעאטער אין זאל „פילהארמאניע", לאדז, נארוטאוויטשא 20
אונטער דער לייטונג פון און א. בעזמאן א. קאמפאניע.

מאנטאג, דעם 17. דעצעמבער ד. י., פינקטליך 8.30 א זייגער אין אווענד ארדענט־איין דער לעקסיקאן־קאמיטעט ביים פראפעסיאנעלען יודישען ארטיסטען־פעראיין אין פוילען
א זיי־געזונט פאר'ן ח' זלמן זילבערצווייג,
רעדאקטאר פון „לעקסיקאן פון יודישען טעאטער", צו זיין אפפאהר קיין אמעריקא
נאר איין מאל! די דירעקציע פון קאמינסקי'ס טעאטער אין ווארשא הערמאן פעניגשטיין און מאיר נאר איין מאל!
ווינדער, האבען דעם כבוד פארצושטעלען אין לאדז די וועלט־בעריהמטע קינסטלערין,
וועלכע פייערט אזא טריאומף אין ווארשא
דארא ווייסמאן
אין דעם בעריהמטען דראמאטורג און רעזשיסער
אנשעל שאר
אין דער איינמאליגער אויפפיהרונג פון דער גרויסער שלאגער קאמעדיע־דראמע
ווייב און געליבטע
פון וו. סיגאל און אנשעל שאר, מוזיק פון הערמאן וואהל, רעזשיס.: אנשעל שאר.
צוזאמען מיט דעם גאנצען קינסטלער־פערסאנאל, די ליבלינגע פון יודישען טעאטער־פובליקום אין פוילען (לויט א ב.) דאמען: ר. גאזעל, דארא ווייסמאן, אננא לעווין, מ. מאניעלא, מ. קוציק, סאניא שלאסבערג. הערען: מאיר ווינדער, שמואל לאנדוי, ה. טאנדלער, אהרן פאליאקאוו, הערמאן פישער, הערמאן פעניגשטיין, דישע קאץ, פ. קערמאן, א. ראטמאן און אנשעל שאר.
פעסט־רעדנער: זלמן זילבערצווייג, מ. יאווילער (אין נאמען פון פראפ. יודישען ארטיסטען־פעראיין אין פוילען), אנשעל שאר (יודישע אקטיארען יוניע אין אמעריקא), יוליום ראזאון (לאדזער יודישע טרופע), מאיר ווינדער (ווארשאווער יודישע שוישפילער).
כאר און ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ל. זעלמאן. אדמינ.: ארנוואלד.
בילעטען צו בעקומען אין קאסע. :—: קיין שטיי־פלעצער, פאספארטו'ס און הנחה־בילעטען זענען נישט גילטיג. :—: אנהויב פינקטליך 8.30 אין אווענד.

אויפ'ן לעצטען שטאפעל

טראגעדיע פון א יודישען קינסטלער אין ווין.

געפאלענע נבירים און באלעבאטים יורדים — דאס איז אין ווין א גאנץ בעזונדערער קלאס מענשען, וואס מעהרט זיך פון טאג צו טאג. זיי געהערען נישט מעהר צום בירגערליכען קלאס און זענען אויך נישט קיין פראלעטאריער — זיי זענען א מין לומפען־בורזשואזיע. לעבעדיגער אפפאל פון אנ'אמאליגען שטארקען עקאנאמישען ארגאניזם, וואס וואלגערט זיך איצט ארום אויף די חורבות פון דער שטארבענדיגער שטאט און ווארט אויף זיין אונטערגאנג...

זיי האבען באנקראטירט אויף דער גאנצער ליניע פון זייער לעבען, האבען פערלוירען זייערע געשעפטען. זענען אפגעזאגט געווארען פון די פאסטענס, זענען ארויסגעווארפען געווארען פון זייערע דירות, האבען אויספערקויפט ביסלעכווייז אלע קליידער און שטוב־זאכען. איצט דרעהען זיי זיך ארום אין זייערע לעצטע אפגעריבענע יום־טוב'דיגע פראקעס און געוועזענע לאקירקעס אויף די טומעלדיגע מארק־פלעצער און ארום די רוישיגע וואקזאלע און ווארטע מיט פערשעהמטע פנים'ער אויף עטליכע גראשען פערדינסט.

אבער זיי האבען בכלל ווייניג האפנונג, עס זאל זיך דא אימיצער אומקוקען אויף זיי. ווארים זיי זענען על פי רוב אינטעליגענטע, אידעלע מענשען מיט גרויסע ברילען און מיט שלאפע הענט, וואס האלטען לחלוטין נישט אויס די קאנקורענץ פון די הארטע, מאזאליעדיגע הענט, ווי די ריסקאליעס, וואס זענען מעהר „בערופען" צו שלעפען קאסטענס און זעק און לאדעווען וואגאנעס אייזען און קוילען...

אזוי איז דאס אויך געווען מיט דעם בעקאנטען ווינער יודישען ארכיטעקט ש. ער איז אמאל געווען איינער פון די אנגעזעהענסטע בוימייסטער־אינזשינערען פון עסטרייך, האט געהאט א וויכטיגע מלוכה'שען פאסטען, איז געווען א בעגייסטערטער זאמלער פון פלאסטישע קונסטווערק און אנטיקען. א מעצענאט פון יונגע מאלער און סקולפטארען, א „מענש פון דער געזעלשאפט" אין בעסטען זין פונ'ם ווארט — ביז דאס רעדעל האט זיך אנגעהויבען פלוצים דרעהען אויף צוריק און דער קינסטלער האט גענומען פאלען אלץ טיפער און טיפער.

באלד נאך דער מלחמה, ווען די פעראריימטע עסטרייכישע מלוכה איז געווען געצוואונגען צו פערקלענערען ווי ווייט מעגליך איהר בעאמטען־אפאראט, האט אויך ש. צווישען טויזענדער אנדערע פערלוירען זיין שטעלע. ער האט בעקומען פון דער מלוכה־קאסע א געוויסע מאטעריעלע בעפרידיגונג, מיט וועלכער ער האט זיך געוואלט גרינדען א נייע עקזיסטענץ. אבער דער אומגליקליכער צופאל האט געהאט, ווייזט אויס, אנדערע פלענער מיט איהם...

אין דער זעלבער צייט איז זיין אלטע מוטער לעבענס־געפעהרליך קראנק געווארען און דער יונגער ארכיטעקט האט מקריב געווען זיין פערמעגען, זיין געלד, זיינע קונסט־זאמלונגען און ווערט־זאכען, כדי צו דערהאלטען די אלטע מוטער ביים לעבען.

פון קיין נייער עקזיסטענץ איז שוין לחלוטין נישט געווען, וואס צו רעדען. א צייט לאנג האט ער זיך ווי עס איז געהאלטען איבער'ן וואסער, האט געזוכט און געפונען קליינע פערדינסטלעך אלס מאלער און סקולפטאר (קיין בוי־ארבייטען זענען די לעצטע יאהרען אין ווין כמעט אינגאנצען נישט פערהאנען). אבער די צייטען זענען געווארען, וואס אמאל שלעכטער און אויך די צופעליגע קליינע פערדינסטלעך האבען זיך אינגאנצען אויסגעלאזט.

עס האבען זיך אנגעהויבען פאר דעם יודישען קינסטלער טעג פון הונגער און פערצווייפלונג. ער האט ביסלעכווייז אויספערקויפט פון זיך דאס סאמע לעצטע, וואס ער האט נאר ערגעצוואו געהאט. און אזוי ווי די אלטע מוטער איז דערווייל געשטארבען, האט ער פערקויפט אויך די דירה, וואס איז סיי־ווי שוין געווען אויסגעליידיגט ביז צום לעצטען טשוואק, און האט זיך גענומען גאנץ פשוט ארומדרעהען אין די גאסען. ווי א הפקר־מענש, נאקעט און בארוועס, הונגעריג און אהן א דאך איבער'ן קאפ...

ער האט גענעכטיגט זומער אין די פארקען און ביי די ברעגעס פון דער דונאי, ווינטער אויף די וואקזאלען און אין די הינטער־שטאטישע מיסקאסטענס — און ביטאג פלעגט ער זיך ארומדרעהען אין די עפענטליכע ביבליאטעקען און מוזייען, וועלכע ער פלעגט שטענדיג פערלאזען אלס דער לעצטער.

אזוי זענען אוועק יאהרען נאך יאהרען, אין דעם ים פון גרויס־שטאטישען עלענד האט זיך געטרונקען אויך דער אומגליקליכער יודישער ארכיטעקט — און זייענדיג בטבע א מענש א שטאלצער, האט ער פון זיין געפאלענקייט קיינעם נישט דערצעהלט, האט נישט געבעטען קיין הילף ביי קיינעם, האט געליטען און געליטען אין שטרענגער איינזאמקייט און געטראגען זיין אומגליק ווי א טיפען סוד...

אבער לאנג האט ער דעם דאזיגען סוד נישט געקאנט מעהר אפהיטען. מיט עטליכע חדשים צוריק האט איהם א פאליציסט בעמערקט, ווי ער רוהעט זיך אין איינעם פון די עפענטליכע אפפאל־קוישען, וואס געפינען זיך אין די גאסען. און זוכט דארט עפעס צווישען אוועקגעווארפענע אלטע צייטונגען און פאפירען.

דאס שארפע „אויג פון געזעץ" האט באלד דערזעהן, אז דער דאזיגער שלעפער געהט דא מן הסתם עפעס אפטון א שטיקעל „פערברעכען" געגען דער געזעלשאפטליכער ארדנונג — און באלד האט דער שארפזיניגער פאליציסט טאקע געהאט שוין דעם „רעזולטאט" אויך: דער שלעפער האט „מן הסתם" געזוכט אוועקגעווארפענע טראמוואי־בילעטען, כדי צו פאהרען מיט זיי און בעשווינדלען מיט די דאזיגע פסול'ע בילעטען.

עס האבען דעם ארכיטעקט נישט געהאלפען זיינע טענות און שבועות, אז ער האט געזוכט אין דעם אפפאל־קויש אלטע צייטונגען צום לייענען מחמת ער קאן אליין קיין צייטונג נישט קויפען, אז ער האט קיין שום שווינדעל־כוונות נישט געהאט — ער איז אנגעקלאגט געווארען אין בעטרוג און מיט עטליכע וואכען צוריק איז פארגעקומען אין ווינער לאנדעס־געריכט זיין פראצעס.

אזוי איז זיין טרויעריגער „סוד" געקומען אן דער עפענטליכקייט. דאס געריכט איז געווען ערשיטערט פון דער שוידערליכער געפאלענקייט פון דעם אומגליקליכען יודישען ארכיטעקט און האט איהם נאטירליך בעפרייט. אבער איצט קומט ערשט דער מאדנער ראמאנטישער פונקט פון דער דאזיגער טראגישער געשיכטע...

א ניו־יארקער יודישע פרוי, וואס געפינט זיך אין א ווינער סאנאטאריום, האט געלייענט אין די צייטונגען וועגען דעם אומגליקליכען יודישען ארכיטעקט און וועגען זיין פינסטערען גורל און האט תיכף אריינגעשיקט דעם געריכט פינף הונדערט דאלאר פאר דעם געפאלענעם יודישען קינסטלער, אויך פון אנדערע זייטען זענען אין עטליכע טעג ארום אנגעקומען צום געריכט גרעסערע און קלענערע נדבות פאר דעם ארכיטעקט, וועלכע דאס געריכט האט איהם אבער נישט געקאנט איבערשיקען, מחמת ער האט אין ווין קיין דירה נישט און מען האט נישט געוואוסט, וואו מען זאל איהם אנהויבען זוכען.

מען האט איהם גענומען זוכען דורך די צייטונגען און איהם אויפגעפאדערט, ער זאל קומען אפנעהמען זיין געלד — ארום טויזענד דאלאר — אבער אויף דער דאזיגער אויפפאדערונג האט ער געענטפערט, אז ער נעהמט פרינציפיעל קיין נדבות נישט און אז אויב די געזעלשאפט האט פאר איהם נישט קיין ניצליכע, ווירדיגע פערווענדונג, וויל ער מיט איהר קיין שום שייכות נישט האבען...

דאס געלד איז דערווייל געבליבען אין דעפאזיט פונ'ם געריכט. דעם ארכיטעקט אבער האט מען אין עטליכע טעג ארום געפונען א טויטען אין איינעם פון די פינסטערע, קויטיגע הינטער־געסלעך פון יודישען קווארטאל. ער איז אויסגעגאנגען פון הונגער...

בילינע וואָר ביז דעם 20 ד. ח.
— כ'האבשוין אנגעהויבן דעם —
יעהרליכען אויספערקויף
פאַר אינלענדישע און אויסלענדישע
קאסמעטיק
J. GALEWSKA, Skład Apteczny i Perfumerja
CEGIELNIANA 42 (róg Wschodniej) telefon 36-30.

ערשטע לאדזער פאַבריק
פון בעשלאַג פאַר רייסערייעז
פון אַלער אַרט
B-cia Kardynast ŁÓDŹ, NAWROT 53 TELEFON 77-4[illegible].

Dr. med. ALBERT GOTLIB
פיעטריקאָווער 26, טעל. 77-50
אַקושער און פרויען־קראַנקהייטען
נעהמט אָן פון 4 ביז 7 אין אָווענד. 1196

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
און ערצטליך־דענטיסטישער קאַבינעט
זגיערסקאַ 17 טעל. 16-33.

ד״ר ראַקאָווסקי	נאָז האַלז, אויערן קר.	8—8 11—10 7—6
ד״ר רוזשאַנסקי	הויט און געשלעכט קר.	2—1 11—10
ד״ר גאָלדשטיין־פּאָלאַק	אויגען־קראַנקהייטען	2—1 8—7
ד״ר יוספּסאָן	נערווען קראַנקהייטען	3—12
ד״ר ראָזענצווייג	קינדער־קראַנקהייטען	6—4 12—10
ד״ר פּאָפּיערני	פרויען און געבורט־הילף	6—5 1-11½
ד״ר קאַנטאָר	כראָנישע־קראַנקהייט.	5-4 נאָ. 1—9
ד״ר ווייננבערג	אינג. הערץ, לונגען־קר.	7—6½ 1-11
ד״ר טאָפּפּעל	רענטגען	6—4 12—10
א. גראָדזענסקי	צאָהן־אַרצט	7—3
נ. ראָזעס	צאָהן־אַרצט	2—3

[illegible] בעליכטונגען, קאַרטוגן, [illegible] א. א. א.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
אַ רענטגען־אינסטיטוט
[illegible]
די לעטשניצע איז [illegible]
און אין דער שבת
ערצטליך־קאָסמעטיש. קאַבינעט
ד״ר. מ. מאַרקוס נעהמט אָן פון 5–7 אָווענד

MIEJSKI KINEMATOGRAF OSWIATOWY
Wodny Rynek (róg Rokicińskiej) tel. 18-26
Dojazd tramwajami 16 i 10.

Od wtorku, dnia 11-go do poniedziałku, dnia 17-go grudnia 1928 r. wł.

Dla dorosłych: Dla dorosłych:
Książę krwi
(MONSIEUR BEAQCAIRE)
Dramat w 10-ciu aktach. — W roli głównej: Bebe Daniels i Rudolf Valentino.

Dla młodzieży i dorosłych:
ZDOBYWCY OCEANU
Dramat w 10-ciu aktach podług powieści Dennisona Clitta.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט־קראַנקהייט
בעהאַנדלונג פון מענער־שוואַכע.
האָט זיך איבערגעצויגען אויף אַנדזשעיאַ 5
נעמט אָן פון 8 – 10 פריה און פון 5–9 אין אָוונט
בעזונדערער וואַרטע־זאַל פאַר פרויען.

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאָקטוירים־ספּעציאַליסטען
זאַוואַדזקאַ 1.
נאָר פאַר ווענערישע הויט־קראַנקהייטען און מענער־שוועכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער. קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערווען־קראַנקהייטען. קוואַרץ־לאַמפּ. עלעקטרישער הייל־קאַבינעט קאָסמעטיק.
— — — טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונט. — — —
זון 11 ביז 12 ביימאָג און פון 2 ביז 3 נאָכמיטאָג נעהמט־אָן אַ פרוי־דאָקטאָר נור קינדער און פרויען.
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.
— — בעזונדערע וואַרטע־זאַל פאַר פרויען. — —
וויזיט 3 זל.

צוויי אַרבייטערינס
ווערען געזוכט אין אַ שאָקאָלאַדע־פאַבריק
צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטראַציע. 1808

„ĆMIELÓW”
לאַגער פון פּאָרצעלאַן, גלאָז, קרישטאַלען, מיאַליק א. ד. ג.
לאָדז, פּיעטריקאָווער 31
טעל. 6-80 טעל. 6-80
ספּעציאַליטעט: טיש־סערוויזען.

פּעלץ־וואָרען
קען מען קויפען אַמביליגסטען און אויף די בעקוועמסטע בעדינגונגען
נאָר ביי דער לאַנג־יעהריגער פירמע
ל. ב. פּעפּער, ווסכאָדניאַ 42, טעלעפאָן 04־78.
בעמערקונג: די קירזשנער־ווערקשטעל געפינט זיך אויפ׳ן אָרט. די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט פּינקטליך און רייעל.

Dr. med.
W. EYCHNER
גינעקאָלאָג־אַקושער
זגערזשער 11.
טעל. 34-72
נעהמט אָן פון 6–8 אָווענד

44 וויכטיג פאַר מחותנים 44
קויפט נישט קיין
מעבעל
בעפאָר איהר איבערצייגט אייך נישט אין מיין מעבעל־געשעפט
44 גדאַנסקאַ (דלוגאַ) 44
Ch. LAZNIK, tel. 62-56
נאָר ביי מיר קענט איהר קויפען מעבעל שיין, גוט און ביליג.
בעמערקונג: אויך קויף איך פערשידענע מעבעל, דיוואַנען, פעלצען, נייע־מאַשינען און צאָהל די העכסטע פּרייזען.
קומט און איבערצייגט אייך!
44 44

Lekarz - dentysta
Irlicht
przyjmuje od 3—8
NARUTOWICZA 32
Od 7-8 ceny kliniczne

קאַליגראַף
ל. בערמאַן!
(דער יונגער) וואוינט אויף זאַוואַדזקאַ 19. 1-טער שטאָק, און לערנט אויס שעהן און שנעל שרייבען

שריפט־ביוראָ
ב. האַכבערג
פּאַנסקאַ 1
טעל. 36-77
קרעדיטגט אַלע אַרט געריכטליכע און שטייער־אַנגעלעגענהייטען אין אַלע אַמטען אויך אויף לאַדזער וואָיעוואָדזטוועס רעיעל און פּינקטליך.
בעמערקונג: וועגען פערשידענע שטייער־פראַגען נעהם איך פערזענליך אָן צווישען 5–6 נאָכמיטאָג.
כ׳קויף אויס פּאַטענטען אויפ׳ן יאָהר 1929.

דער שוואַרצער וואָלף

(21 (ראָמאַן).

— וואָס זשע פאַר אַן׳אויספיהר הייסט איהר מיר דערפון מאַכען? — האָט וואָלאַדעק, שמייכעלדיג אַ פרעג געטון — מטר׳ן אויף מיר דער פּאָליציי האָט איהר מורא... עס וואָלט פּאַקטיש געווען זעהר נישט פּאָזיטיוו פון אייער זייט... הייסט עס, אַז איהר קלייבט זיך מיך דער׳הרג׳ענען?

— צו־וואָס דאַרפען מיר עס? — האָט קאַטשאַלקאָווסקי אַ זאָג געטון מיט אַזאַ טאָן פונקט ער וואָלט געהאַט נאָך אַ סך אַנדערע מיטלען געגען וואָלאַדעק׳ן.

— עס זענען דאָ נאָך מיטלען! — האָט זיך אַריינגעמישט ווערטהיימער, אָפּקעהרענדיג זיך אין אַ זייט.

— אַלזאָ, ווי איך זעה, איז אויב איך געה נישט איין אויף אייערע בעדינגונגען, דערקלעהרט איהר מיר אַ מלחמה?

— אומגעפעהר אַזוי! — האָט דער אַמעריקאַנער אַ שאָקעל געטון מיט׳ן קאָפּ.

— אַ דאַנק אייך פאַר דער אויפריכטיגקייט. איך האָב מעהר נישט וואָס צו פרעגען ביי אייך. מיין לאַגע איז פאַר מיר פולשטענדיג קלאָהר.

וואָלאַדעק האָט זיך אויסגעגלייכט, בעוואָרפען דעם עולם מיט אַ שפּאָטישען בליק, און רוהיג אַ זאָג געטון:

— איהר אַלע פיער מעגט זיך רוהיג געהן צו אַלדי־רוחות.

— טייערער מייגער, — האָט אַרויסגעשטאַמעלט דער צוטומעלטער גראַף — איהר פערגעסט...

— איך פערגעס גאָרנישט! — האָט וואָלאַדעק קאַלטבלוטיג געענטפערט — און מיין בעשלוס איז אַן׳ענדגילטיגער. איהר מעגט אייך טון אַלץ, וואָס אייער האַרץ גלוסט זיך. פערגעסט אָבער נישט, אַז איהר זענט דער אַנגרייפענדער צד. איהר האָט געהאַט די חוצפה צו אָנהויבען די פיינדליכע אַקציע, איידער דער קריג צווישען אונז איז דערקלעהרט געוואָרען. איך בעט אייך דעריבער, איהר זאָלט נישט קיין חרטה האָבען, ווען איך אַליין וועט ווערען נישט פויגעלדיג: פּרעטענזיעס זאָלט איהר דאַן האָבען צו זיך אַליין!

— איך וואָלט טשיקאַווע געווען צו וויסען מיט וואָס סטראַשעט איהר אונז? — האָט חוזק׳דיג אַ פרעג געטון דער אַמעריקאַנער.

— נו, וועגען דעם דאַרפט איהר זיך אַליין אָנשטויסען. געדענקט, אַלענפאַלס, איין זאַך: אויב איהר וועט מיך נישט לאָזען געמאַך, וועט איהר דערפאַר ביטער בעצאָהלען.

וואָלאַדעק האָט אַן׳עפען געטון די טיר, און מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל צוגעגעבען:

— איך האָב דעם כבוד זיך צו געזעגענען מיט אייך, איהר, העררען מיטגלידער פון דעם ראַט פון דער „הינטישער חברה“.

קאַפּיטעל ניין.

דער אָנפאַל.

וויסענדיג איצט גענוי ווער זיינע שונאים זענען, און אַ קלאַפּ טוענדיג מיט דער טיר פאַר זייער נאָז, האָט וואָלאַדעק וואויל־יונגעריש אַריינגעשטעקט די הענד אין די טאַשען, און זיך אַרונטערגעלאָזט פון די טרעפּען פולשטענדיג צופרידען מיט זיך.

ער האָט גוט פערשטאַנען, אַז ער האָט אַריינגעוואָרפען אַן׳אָנגעצונדענע זאַפּאַלקע אין אַ פולווער־קעלער.

איצט מוז ער נאָך מעהר זיין אויף דער וואַך, און אָפּהיטען זיך אויף יעדען שריט.

קיין איינער פון די אַלע פיער „געעט“ האָט איהם ערנסט נישט געשראָקען, און דער געדאַנק וועגען דעם, אַז ער האָט שטאַרק דערנידעריגט, האָט איהם פערשאַפען אמת׳ן פערגעניגען.

דער סאַמער געפעהרליכסטער שונא איז, אייגענטליך, געווען פּאַפּינאַ.

פּאַפּינאַ וועט אָבער נישט האָבען קיין דרייסטקייט עפּיס אונטערצונעהמען אָהן דעם גראַף און קאַטשאַלקאָווסקי׳ן ווידער מיט זיינע קאָלעגען, וועלען נישט האָבען דעם מוט צוצוטרעטען צו עפּיס אַן׳אַקציע, איידער זיי וועלען זיך נישט איבערצייגען בפירוש, אַז ס׳זענען נישט פאַראַן קיין אַנדערע מיטלען צו איינברעכען וואָלאַדעקס עקשנות.

אַ מאָרד אין דעם פאַל, וואָלט געווען געגען די פּרינציפּען פון קאַטשאַלקאָווסקי׳ן, און צו אַזאַ טאַט וואָלט ער נאָר געקומען בלית ברירה.

און — ביז וואַנען עס וועט האַלטען דערביי, וועט שוין וואָלאַדעק זיין ווייט, גאָר ווייט.

ווערטהיימער איז אויך געווען אַ געגנער פון גוואַלדטאַטען.

ער איז פון דער נאַטור־אויס געווען פחדניש און פעררעטעריש...

אויסגעגעבליבען איז, אַלזאָ, דער איינציגער פערשוין מיטען נאָמען „סמיט“: דער איז, ווייזט אויס, געווען אַ קלוגער יונג און געהאַט אַ פעסטען כאַראַקטער...

און אויב שוין יאָ אַזוי, דאַן פרעגט זיך אַ פראַגע: וואָס האָט איהם געבונדען מיט דער „הינטישער חברה“?

פלוצים, אָהן שום צוזאַמענהאַנג, איז פאַר איהם געקומען אין די געדאַנקען דאָס געשטאַלט פון לילי דזשייקאָבס.

אויף אַ רגע האָט ער זי דערזעהן פולשטענדיג בולט אין דעם ראָזעווען נאַכט־כאַלאַטעל מיט צולאָזטע האָהר, ראָזע בעקלעך, מיט טונקעלע אויגען, וואָס האָבען צוטומעלט געקוקט אויף איהם פון דער פינטערניש פון קאָרידאָר...

„וואָס, אַ שטייגער, האָבען געוואָלט זעהן איהרע אויגען, איידער זי איז פערשוואונדען אין דער טיר פון איהר צימער?

צי האָבען זיך די אויגען איהרע אויף שטענדיג געזעגענט, צי האָבען זיי פערלאַנגט נאָך אַ בעגעגעניש?

זי האָט איהם, וואָלאַדעק׳ן אָנגערופען: „דזשענטלעמען“...

אָך, ווען זי וואָלט געוואוסט... אָדער געקאָנט חושד זיין... אָדער בלויז פאָרשטעלען זיך, וואָס ער האָט מיט זיך פּאַקטיש פאָרגעשטעלט...

וואָלאַדעק האָט אויפגערעגט אַ טרייסעל געטון מיט׳ן קאָפּ, און אַרויסגעבורמט, אָנכמאַרענדיג די ברעמען:

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי מיט מיר? וואָס עפּיס פאַר אַ צאַרטקייטען צו אַ מיידעל, וועלכע איך האָב ביז נעכטען אינגאַנצען נישט געזעהן... דער טייוועל וויסט אַליין, וואָס דאָס איז!

וואָלאַדעקס אָרט ביים שפּיל־טיש איז געווען פערנומען.

איז ער אַוועק צו אַן׳אַנדער טיש, וואו מ׳האָט געשפּילט אין רולעטקע, און זיך איבערגעגעבען צום האַזאַרד־שפּיל, וואָס האָט געדויערט דריי פערטעל שעה.

(פאָרזעצונג קומט).

פאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזער לעבען

נייער פאָלקסבלאַט

16
זונטאָג
ג׳
טבת תרפ״ט

דעצעמבער
זון־אויפגאַנג 7.40
זון־אונטערגאַנג 3.24

א גרויסע קאַסע־איינבראָך.

פרייטאָג בייַנאַכט האָבען זיך קאַסע־איינברעכער אַריינגעריסען אין דער פירמע „קאַרפּאַט“ (6 שערפּיען, נומער 7), און האָבען דאָרט אויפגעבראָכען די פּאַנצער־קאַסע. דער איינברוך איז פאָרגעקומען ב ייפאָלגענדע בעדינגונגען: די פירמע פערנעהמט אַ לאָקאַל אויפ'ן ערשטען שטאָק, וואָס געהט אַרויס מיט די פענסטער אי ןפראָנט און אין הויף. די טיר איז אַ געפּאַנצערטע. שבת אינדערפריה, ווען די מיטאַרבייטער זענען אַריינגעקומען אין לאָקאַל פון דער פירמע, האָבען זיי בעמערקט אַז אויף אַלעם ליגט עפּעס אַ ווייסער שטױב. ווייטער האָבען זיי דערזעהען, אַז די קאַסע אין ערשטען צימער איז דורכגעלעכערט אין דריי ערטער אַרום דעם שלאָס און דאָס זייטיגע וואַנט איז צוריסען ווי אַ שאַכטעל סאַרדינקעס, אויסגעשאָטען דעם אַסבעסט און אַרויסגענומען פון דער קאַסע 2100 זלאָטעס. די אַנגעשטעלטע האָבען וועגען דעם מיטגעטיילט דעם דירעקטאָר, וועלכער האָט אַרויסגערופען די אויספאָרשונגס־פּאָליציי.

די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז די איינברעכער האָבען זיך אַריינגעריסען דורכ'ן גאָרטען פון וואָלטשאַנסקאַ נאָס.

בע תהער „אַרבייט“ האָבען די גנבים געגעסען און געטרונקען און האָבען איבערגעלאָזט פלעשלעך און רעשטלעך פון בילינגען וואורשט.

בעת דער „אַרבייט“ האָבען זיי אָנגעטאָן די פּאַרטוכער פון די אַנגעשטעלטע, וועלכע זענען געהאָנגען אויפ'ן ווישאַק און האָבען אָנגעטאָן הענטשקעס, כדי נישט איבערלאָזען קיין שפּורען פון די פינגער. די גנבים האָבען זיך נישט בעגנוגענט מיט דער קליינער סומע און האָבען געזוכט אין אַלע שופלעדער, האָבען אָבער גאָרנישט געפונען. אַוועקנעהענדיג האָבען זיי געפּרובט עפענען די פּאַנצער־טיר. ווען ס'איז זיי נישט געלונגען זענען זיי אַוועק מיט'ן זעלבען וועג דורך וועלכען זיי זענען געקומען.

אין גאָרטען האָט די פּאָליציי געפונען דעם לייטער און די פּאַרטוכער פון די אַנגעשטעלטע.

די אויספאָרשונג ווערט ווייטער געפיהרט.

א מאָרד צוליב 50 גראָשען.

ביי אַ געוויסען קאַרטשמאַרעק (באַלוט, מיצקיעוויטש 4), האָבען זיך עהערנעכטען פערזאַמעלט אַ גרופּע זיינע קאָלעגען, וועלכע דער בעל־הבית האָט זעהר גוט אויפגענומען, מכבד געווען קודם־כל מיט בראָנפען און פערשידענע אַנדערע גוטע זאַכען. ווען די געסט האָבען שוין געהאַט אַלץ אויפגעגעסען און אויסגעטרינקען האָט זיי דער בעל־הבי תפאָרגעלעגט, אַז זיי זאָלען איצט שוין אַלע בשותפות קויפען בראָנפען; די געסט זענען אַלע מסכים געווען. נאָר איינער, אַ געוויסער ראָמאַן טין (פּיוונאַ 36), האָט ערקלערט, אַז אַזוי ווי ער האָט ביי זיך נישט קיין גראָשען געלד, בעט ער די חברים, זאָלען פאַר איהם אויסלייגען, ער וועט נאָכדעם, ווי ער וועט בעקומען אויסגעצאָהלט אין פאַבריק דאָס געלד אומקערען. נעגען דעם פאָרשלאַג האָט זיך ענטשלאָסען אַקעגענגעשטעלט אַ צווייטער קאָלעגע אַ געוויסער וולאַדיסלאַוו זאַגלאָבסקי (באַזאַרנע 5), וועלכער האָט נישט ערלויבט אויסצולייגען פאַר טינען די פופציג גראָשען אויף צו קויפען נאָך אַ פלאַש בראָנפען. טין האָט זיך בעליידיגט און דערלאַנגט זאַגלאָבסקי'ן אַ פּאַטש. עס האָט אויסגעבראָכען אַ געשלעג. דער בעל־הביה קאַטשמאַרעק האָט זיך אַריינגעמישט און צווישען ביידע געסט געמאַכט שלום. זאַגלאָבסקי האָט אָבער נאָר אויסערליך זיך איבערגעבעטען מיט טינען, ער האָט טיף אין האַרצען פערבעהאַלטען אַ שרעקליכען נקמה־פּלאַן. ער איז שטיל אַרויס פון קאַטשמאַרעקס וואוינונג, מיטגענעהמענדיג מיט זיך אַ גרויס קוכען־מעסער. פון דרויסען האָט ער געשיקט אַ יונגעל, וועלכען ער האָט בעצאָהלט צוואַנציג גראָשען, זאָגען טינען, אַז זיין מוטער איז פּלוצים פערשוואַכט געוואָרען. ווען טין איז אין איילעניש אַרויס פון קאַטשמאַרעקס וואוינונג האָט איהם אָנגעוואַרט אין קאָרידאָר זאַגלאָבסקי און פון אונטען אַריינגעזעצט דאָס מעסער אין די פּלייצעס אַריין. טין איז אַוועקגעפאַלען בעגיסענדיג זיך מיט בלוט. זאַגלאָבסקי איז רוהיג אַהיימגעגאַנגען און זיך געלעגט שלאָפען.

די שטילע קרעכצען פון דעם פערוואונדעטען טין האָבען דערהערט די שכנים, און האָבען דעם אומגליקליכען אַריינגענומען אין שטוב. דערזעהענדיג אַ מעסער שטעקען ביי איהם אין די פּלייצעס האָבען די שכנים דאָס מעסער אַרויסגעשלעפּט כדי איבערצובינדען די וואונד, עס איז דאַן ביי דעם פערוואונדעטען ענטשטאַנען אַן אינערליכער בלוט־אויסגוס און ביז עס איז אָנגעקומען די פּאָגאָטאָוויע האָט זיך דער פערוואונדעטער געפונען אין אַ גוסס'דיגען צושטאַנד. דאָס מעסער האָט ביי איהם איבערגעהאַקט די רעכטע לונגען־פלעגעל, און דורכגעשניטען די נירען.

די פּאָליציי האָט אַרעסטירט זאַגלאָבסקי'ן ביי איהם אין וואוינונג און אַ פערקאָוועטען אין קייטען אָפּגעפיהרט אין אויספאָרשונגס־אַמט.

טראַגעדיע פון אַ פערפיהרטע.

די 21־יעהריגע בראָניסלאַוואַ סטעמפּיעניאַק, (פּאַטשטאָוואַ 3), האָט זיך בעקענט מיט אַ געוויסען סטאַרטשינסקי, וועלכער האָט זי פערפיהרט. סטאַרטשינסקי האָט צוגעזאָגט מיט איהר חתונה צו האָבען. ער איז אָבער באַלד נעלם געוואָרען, ווען זי האָט איהם ערקלערט, אַז זי ווערט מוטער פון זיין קינד.

די סטעמפּעניאַק האָט בעשלאָסען בעגעהן זעלבסטמאָרד, מען האָט איהר אָבער נישט פערקויפט קיין גיפט אין קיין שום אַפּטייק.

נעכטען האָט די סטעמפּעניאַק געבוירען אַ קינד. זי האָט זיך אָפּגעשלאָסען אין איהר צימער און קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. ערשט פאַרנאַכט האָבען די שכנים בגוואַלד זיך אַריינבעקומען צו איהר אין צימער און געטראָפען זי אַ האַלב־פערחלשטע און דאָס ניי־געבוירענע קינד — אַ טויטס. עס איז ענטשטאַנען אַ חשד, אַז די אומגליקליכע מוטער האָט דאָס קינד ערמאָרדעט באַלד נאָכ'ן געבוירען. מען האָט אַרויסגערופען פּאָגאָטאָוויע ווי אויך די פּאָליציי, וועלכע האָט אונטערגענומען אַנ' אויספאָרשונג.

באַהן־מיניסטער, קיהן, אין לאָדז.

נעכטען האָט אין אונזער שטאָט, אין משך פון עטליכע שעה, געווײלט דער קאָמוניקאַציאָנס־מיניסטער קיהן.

בעת אַ קאָנפערענץ מיט דעם פּרעזידענט שעמיצנצקי, וויצע־פּרעזידענט ראַפּאַלסקי, און פּרעזעס פון שטאָט־ראַט האָלצגרעבער — האָט דער מיניסטער ערקלערט, אַז אין דעם קומענדיגען יאָהר וועט אויפ'ן אויסבוי פון לאָדזער קאָמוניקאַציאָנס־קנופּ אַסיגנירט ווערען 1,000,000 זלאָטעס. אַ גרויסע טייל פון דעם געלד איז פאָרויסגעזעהן אויף צו בויען דעם וואָקזאַל אויף ווידזעווער פּאָלעסיע און אַ וויאַדוקט צווישען וויסאָקאַ און טראַמוואַיאָוואַ.

דער מיניסטער האָט פערזענליך בעזוכט דעם שטח, וואו עס דאַרף געבויט ווערען דער וואָקזאַל און אויך דעם איצטיגען וויאַדוקט אויף טראַמוואַיאָווע און בעשטעטיגט די נויטווענדיגקייט צו בויען אַ נייעם וויאַדוקט, וועלכער זאָל ערמעגליכען די קאָמוניקאַציע צווישען דעם צפון און דרום־טיילען פון דער שטאָט.

לאָדזער סחורות פאַר סאָוויעטען־רוסלאַנד.

(2) דינסטאָג וועלען קיין לאָדז אָנקומען די סאָוויעטישע עקספּערטען, כדי אָפּצונעהמען די צווייטע פּאַרטיע טעקסטיל־סחורות, וואָס ווערען געקויפט פאַר סאָוויעט־רוסלאַנד. די איצטיגע איינקויפען וועלען דויערן מיט איבעררייסען וואָרשיינליך ביז מערץ.

דאָס אַרויסשיקען קיין רוסלאַנד די סחורות וועלכע ווערען איצט געפּאַקט, וועט זיך אָנהויבען ענדע וואָך און וועט דויערען ביז ענדע יאַנואַר. אַ טייל פון די איינגעקויפטע סחורות זענען נאָך בכלל נישט אויסגעפערטיגט.

וועגען רעכט פון פרעמדע.

(מ) דער אינדוסטרי־אַמט ביי דער וואָיעוואָדזשווע האָט צוגעשיקט דעם אינדוסטרי־אַמט פון דער ערשטער אינסטאַנץ ביים מאַגיסטראַט, נייע אינסטרוקציעס בנוגע די פרעמדע און אַזילאַנטען.

לויט די דאָזיגע נייע אינסטרוקציעס וועלען די פרעמדע און אַזילאַנטען (פּערזאָנען, וועלכע האָבען נאָך נישט קיין בעשטימטע בירגערשאַפט, אָדער בעזיצען נאַנסען־פּעסער), וועלכע בעמיהען זיך וועגען בעקומען רעכט אויף אויסצופיהרען אַן אינדוסטרי־טעטיגקייט וועלען נישט דאַרפען בעלעגען קיין בעשטעטיגונגען וועגען אַזוי־גערופענער „געגענזייטיגקייט“ בנוגע פּוילען מצד די מלוכות וואו זיי האָבען פריהער געוואוינט.

פון שטאָט־ראַט.

(מ) אויף דער דאָנערשטאָג'דיגער זיצונג פון שטאָט־ראַט איז אויסגעוועהלט געוואָרען אַ נייע דעלעגאַציע פאַר דער אָפּטיילונג פון די שטעטישע פּלאַנטאַציעס. די דעלעגאַציע בעשטעהט פון 9 פערזאָן ראַטמענער גאַלאַנסקי, בראָדזיצקאַ, פּאַוולאַק, קלים, ש. מילמאַן, י. ביאַלער, אינזש. פּאַפּיעלאָווסקי און די ה״ה קאַטשאַראָווסקי און אינזש. י. זילבערבויגען.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט־דיזשורען.

(2) מ. עפּשטיין (פּיעטריקאָווער 225); מ. באַרטאָשעווסקי (פּיעטריקאָווער 95; מ. ראָזענבלום (ציגעל־גאַס 12); גאַרפיין (ווסכאָדניאַ 54); י. קאַפּראָווסקי (נאַוואָמיצקאַ 15).

נעקראָלאָג.

מאָנטאָג ג׳ חנוכה איז געשטאָרבען אין עלטער פון 67 יאָהר איינע פון די פּאָפּולערסטע אין די חסידישע קרייזען פרוי גיטעל בוכוויץ אשת ר׳ מענדעל נ״ע. אין אַלע אינסטיטוציעס איז זי געווען בעקאַנט מיט איהר גוטהערציקייט און זיך געאָפּפערט פאַר אָרימע און נויטליידענדע.

די ערד זאָל איהר גרינג זיין.

פון פאָלקס־אוניווערזיטעט ביי דער ציונ. אָרגאַניזאַציע.

היינט קומען פאָר 2 פאָרלעזונגען:

1) 5 נאָכמיטאָג אין לאָקאַל פון „סיני“ (גלובנאַ 62) פון אינזש. י. זשעלינסקי אויף ד. ט. (2־טער רעפעראַט) „די 4 יסודות פון דער וועלט“

2) 8 אָוונט קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (צעגעלניאַנאַ 4) אויף ד. ט. „די מאָדערנע שטרעמונגען אין דער פּעדאַגאָגיק“.

דינסטאָג ד. 18 ה. ח. וועט איינגעאָרדענט ווערען אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ פאָרלעזונג אין דער פּוילישער שפּראַך פון בעקאַנטען ליטעראַטור קריטיקער און טעאַטער קענער ד״ר ווילהעלם פאַללעק אויף ד. ט. „דער ייד פון שעקספּיר“.

דער אַריינגאַנג צו די פאָרלעזונגען איז פריי.

פון יודישען טעאַטער.

היינט ווערט געשפּילט „די פערשעמטע כלה

פאַר דער נאָהענטסטער פּרעמיערע אין יודישען טעאַטער איז אָנגעצייכענט די בעוואוסטע פּיעסע „הערצער צו פערקויפען“ (איבערגוס) פון ל. מלאך צו וועלכער עס זענען געמאַכט געוואָרן גרויסע הכנות און פערשטאַרקטע פּראָבען. ל. מלאך שילדערט דעם שענדליכען פרויען־האַנדעל אין אַרגענטינאַ און בראַזיליע, און דעם קאַמף פון דער דאָרטיגער יודישער געזעלשאַפט מיט די חברה־לייט, וועלכע זענען געשטעמפּעלט אַלס „טמאים“. אומעטום האָט די פּיעסע געמאַכט אַ גרויסען רושם, און ווערט געשפּילט ביי געפּאַקטע הייזער.

יודיש טעאַטער אין פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20
אונטער דער לייטונג פון אַ. בעזמאַן און אַ. קאָמפּאַניעץ.

מיט'ן אָנטייל פון די ליבלינגס־אַרטיסטען באַריסאָוואַ, ראַבינאָוויטש און די בעקאַנטע פּרימאַ־אָנאַ נאַדיאַ קאָרעני
היינט, זונטאָג, דעם 16־טען, 9 אין אָוונד צום 6־טען מאָל
די פערשעמטע כלה
אין 4 אַקטען מיט שעהנע געזאַנגס־נומערן און טענץ פון סיגאַל.
אין „די פערשעהמטע כלה“ ווערט געזונגען פאָלגענדע נומערן:
1) איך און דו (דועט); 2) אַ נעסט פון ליבע (דועט); 3) די גליקליכע תנאים; 4) די באַבעניו'ס שמחה (כאָר און ענסאַמבל); 5) אַ חתונה וועט היינט זיין (קוואַרטעט); 6) ווי גאָט אין אָדעס (דועט); 7) מיידעל וועסט נאָך גליקליך זיין (ליד); 8) מ'דאַרף עס איבערמאַכען (קופּלעט); 9) דאָס גליק קומט נאָר איינמאָל אין לעבען (ליד); 10) לשנה טובה (פאַנטאַזיע, דועט מיט'ן כאָר) א. אַ.

מאָרגען, מאָנטאָג, דעם 17־טען, 9 אין אָוונד – נאָר 1 פאָרשטעלונג
פון דאָראַ ווייסמאַן מיט איהר געקליבענעם אַנסאַמבל פון קאַמינסקי'ס טעאַטער.
גענויעס לעזט אין אַ בעזונדער אַנאָנס.

מיטוואָך, דעם 19־טען, 9 אַ זייגער אין אָוונד—גרויסע פּאָפּולערע פאָרשטעלונג
פון 1 זל. ביז 2.50 „חלומות פון ליבע“ אין 3 אַקטען מיט 25 נומערן געזאַנג און טענץ פון ליליען.
רעזשיסירט פון ל. ראַבינאָוויטש.

דאָנערשטאָג, דעם 20־טען, 9 אַ זייגער אָוונד די פייערליכע פּרעמיערע פון די
„הערצער צו פערקויפען“ פון בעוואוסטען שרייבער ל. מלאך. — רעזשיסירט פון י. ראַקאָוו. —

ס'נעמט אָנטייל (לויט א. ב.) פרויען: בעזמאַן, באָריסאָוואַ, נאַדיאַ קאָרעני, מאַכאַראָווסקאַ, גערה, פאָדערמאַן, קאָמפּאַניעץ. מענער: אַריעל, אייזענבערג, באַלבירסקי, האַמבורגער, מאַכאַראָווסקי, מאָטקאָוו, נייהויז, פּאָלאַנסקי, ישראל קאָמפּאַניעץ, ראַבינאָוויטש, ראַקאָוו.
אַדמיני.: מ. אַרנוואַלד. מוזיק. לייטונג: ל. זעלמאַן. בילעטען אין פילהאַרמאָניע־קאַסע.

ראַדיאָ
אָפּנעהמער פון אונדערגרייכבאַרער קוואַליטעט.
נידריגע פּרייזען – גינסטיגע בעדינגונגען.
Inż. REICHER
ŁÓDŹ, PIOTRKOWSKA № 142
i S-ka, telef. 15-57.

Dr. H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאַנאַ 25, טעל. 26-87
ספּעציעל אַרצט פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען. מענערשוועכע. אַלע אַרט אַנאַליזען, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ־שטראַהלען.
נעמט אָן פון 8–10 פריה, 12–2 נ.מ. און פון 4–8 אָוו.

גרויסע פּאָליטישע און יודען=דעבאַטע אין לאָדזער שטאָט=ראַט.

צוליב'ן פאַרשלאַג צו ענדערען נעמען פון לאָדזער גאַסען.

ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט,, איז אויף דער דאָנערשטאָגדיגער זיצונג פון שטאָט־ראַט פאָרגעקומען אַ גרויסע אינטערעסאַנטע פּאָליטישע דיסקוסיע.

פּריעס האָלצגרעבער האָט רעפערירט דעם פאַרשלאַג וועגען איבערענדערען די נעמען פון דער קאָנסטאַנטינער גאַס אויף גאַס פון 11 ליסטאָפּאַד די ווסכאָדניא־גאַס אויף גאַס פון יוזעף פּילסודסקי און די אַלעקסאַנדראָווסקאַ גאַס אויף גאַס פון באַלעסלאַוו לימאַנאָווסקי. די ענדערונג פון די נעמען ווערט פּראָיעקטירט, כדי צו פעראייביגען דעם 10 טען יאָהרטאָג פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיגקייט. פּריעס האָלצגרעבער מאָטיווירט דערביי פאַרוואָס עס ווערען געענדערט גראָד די נעמען פון די דערמאָהנטע גאַסען.

וואָס שייך דער קאָנסטאַנטינער גאַס האָט זי פיל צו טון מיט דעם אומאָפּהענגיגקייטס־קאַמף פון דער פּוילישער בעפרייאונג. דורך דער דאָזיגער גאַס זענען געגאַנגען צום טויט אַלע די, קעמפּער, וועלכע זענען דורך די צאַרישע סאַטראַפּען פערמשפּעט געוואָרען פאַר אַנטייל נעהמען אין קאַמף פאַר דער פּוילישער אומאָפּהענגיגקייט. וואָס שייך דער ווסכאָדניע גאַס, איז עס די גאַס, וואו דער געוועזענער פּעפּעסאָוויעץ יוזעף פּילסודסקי האָט איינגעאָרדענט זיין אומלעגאַלע דרוקעריי פון „ראָבאָטניק“ און איז דאָרט דורך די רוסישע זשאַנדאַרמען אַרעסטירט געוואָרען.

די דריטע גאַס ווערט געענדערט אויפ'ן נאָמען פון פּאַטריאַרך פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיגקייטס־בעוועגונג.

דער ערשטער בעקומט אַ וואָרט צו דער דיסקוסיע ראַטמאַן ליכטענשטיין, וועלכער זאָגט:

די פראַקציע „בונד“ וועט שטימען פאַר ענדערען די נעמען פון קאָנסטאַנטינער און אַלעקסאַנדראָווסקאַ גאַסען, זי וועט אָבער זיין געגען אָנרופען אַ גאַס אויפ'ן נאָמען פון מאַרש. יוזעף פּילסודסקי.

מ'בעשולדיגט דעם „בונד“, זאָגט ראַטמ. ליכטענשטיין, אַז ער איז אַנטימלוכה'ש און געגען דער פּוילישער אומאָפּהענגיגקייט, איך מוז די דאָזיגע רכילות ווי אַמקאַטעגאָרישסטען אָפּוואַרפען. פאַר דער מלחמה האָבען מיר געפונען פאַר איבעריג אַריינצושטעלען אין אונזער פּראָגראַם די פאָדערונג פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיגקייט, וויסענדיג, אַז זי קען קומען נאָר דורך אַ מלחמה. מיר האָבען אָבער געהאַלטען, אַז דער סאָציאַליזם וועט אויסשטורען די פּוילישע אומאָפּהענגיגקייט. איצט איז שוין נישט פערהאַן קיין בעוואוסטזיניגער סאָציאַליסט, וועלכער זאָל זיין געגען דער אומאָפּהענגיגקייט.

דאָ דאַרף מען אָבער רעדען וועגען צוויי ענינים: וועגען דער היסטאָרישער פערגאַנגענהייט פון פּילסודסקין און וועגען זיין איצטיגער טעטיגקייט. מאַרשאַל פּילסודסקי געהערט נאָך נישט דער געשיכטע, ווייל ער איז טעטיג און ווירקט. מיר ווייסען אַלע, אַז הגם דער מאַרש. פּילסודסקי איז נישט קיין פּרעמיער, איז ער דאָך דער פיהרער. פון איצטיגען רעגירונגס־סיסטעם און דער איצטיגער רעגירונג, און דעריבער בעציהען מיר זיך צו איהם, אַזוי, ווי מיר בעציהען זיך צו דער איצטיגער רעגירונגס־סיסטעם. ס'זענען געווען מאָמענטען, ווען דער פּראָלעטאַריאַט האָט געהאַט צוטרוי צו פּילסודסקי'ס קאַמף און האָט געוואַרט אויף דער רעאַליזירונג פון זיינע פאָדערונגען, מאַרש. פּילסודסקי האָט אָבער נישט אַרויסגעצויגען פון זיין קאַמף קיין היסטאָרישע קאָנסעקווענצען און איז נישט געגאַנגען אויף דער ליניע פון דער אַרבייטער־פּאָליטיק.

איצט האָט ער צו זיך צוגעצויגען די רייכע פּריצים און פיהרט פּאָליטיק פאַר זייערע אינטערעסען. ס'איז גענוג צו בעווייזען, אַז די אַגראַר־רעפאָרם איז נישט אַדורכגעפיהרט געוואָרען. פון איין זייט זענען פערהאַן גרויסע ערד־לאַטיפונדיעס, פון דער אַנדערער זייט עלענדע הונגעריגע פּויערישע מאַסען. ס'איז ווייטער גענוג צו דערמאָהנען די פּאָליטיק פון דער רעגירונג בעת'ן לעצטען שטרייק אין לאָדז פון טעקסטיל־פּראָלעטאַריאַט, פון אַרבייטער וואָס לעבען אין די ערגסטע בעדינגונגען, וועלכע פאַרדינען אַ דריטעל פון דעם, וואָס ס'פאַרדינען די טעקסטיל־אַרבייטער אין אַנדערע לענדער. ווען דער דאָזיגער אַרבייטער האָט אויפגעהויבען זיין קאַמף פאַר זיינע עלעמענטאַרסטע פאָדערונגען, ווען 100 טויזענד אַרבייטער האָבען געהונגערט, האָט די רעגירונג פערטיידיגט די אינטערעסען פון די קאָהנ'ס, פּאָזנאַנסקי'ס (פּיעכאָטקובנאַ שרייט אויס: זיי זענען דאָך יודען!)

ראַטמ. ליכטענשטיין: איך שענק אייך זיי אַוועק. איך ווייס, אַז די גרויסע פאַבריקאַנטען אין לאָדז זענען יודען און דייטשען, אָבער די קאַפּיטאַליסטען ווייסען נישט פון פאָטערלאַנד און נאַציאָנאַליטעט.

(פּיעכאָטקובנאַ: אַזוי ווי די יודען!).

נישט בעסער איז אויך די בעציהונג פון דער רעגירונג צו די טעריטאָריאַלע מינדערהייטען ווי אויך צו די יודען. די רעגירונג האָט אויך גאָרנישט געטאָן צו פערזיכערען די יודען קיין אַרבייט. מען שרייט, אַז יודען ווילען נישט אַרבייטען, אָבער ווען יודען קומען נאָך אַרבייט, פערמאַכט מען פאַר זיי די טירען. איך מיין, אַז איצט גייט אַ גרויסער פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע פון די יודישע מאַסען פון געוואוינען זיי און אויסלערנען זיי פּראָדוקטיווע מלאכות, מיר האָבען דעריבער דאָס רעכט צו פערלאַנגען פאַר זיי אַרבייט. דאָ וואוינען מיר און דאָ פאָדערען מיר דאָס רעכט, די עמיגראַציע־לענדער זענען געשלאָסען און די רעגירונגס־פּאָליטיק איז אַזאַ, אַז די יודישע אַרבייטער בעקומען נישט קיין אַרבייט. האָט מען איינגעפיהרט דעם טאַבאַק־מאָנאָפּאָל — האָט מען קודם־כל אָפּגעזאָגט אַלע יודישע אַרבייטער.

(פּיעכאָטקובנאַ: ריכטיג אַזוי! דער איינציגער פערדינסט פון דער רעגירונג).

די רעגירונג האָט אויך פערפאָלגט די יודישע שפּראַך און שולע.

האַלטענדיג, אַז דער מאַרש. פּילסודסקי איז פעראַנטוואָרטליך פאַר'ן איצטיגען רעגירונגס־סיסטעם, וועט די בונדישע פראַקציע שטימען געגען אָנרופען אַ גאַס אויפ'ן נאָמען פון מאַרש. יוזעף פּילסודסקי.

נאָך דער רעדע פון ראַטמ. ליכטענשטיין מאַכט דער פאָרזיצענדער אויפמערקזאַם, אַז דער פאַרשלאַג איז נישט אָנצורופען די ווסכאָדניאַ גאַס מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי נאָר יוזעף פּילסודסקי.

ראַטמאַן האָלענדערסקי האַלט אויך אַ לענגערע רעדע, אין וועלכער ער זאָגט צווישען אַנדערען: די פּאַרטיי „פּועלי־ציון“ האָט שטענדיג געהאַלטען, אַז ס'איז נישט פערהאַן קיין סאָציאַלע בעפרייאונג, אָהן דער נאַציאָנאַלער, די פאָדערונג פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיגקייט איז פון שטענדיג אָן געווען אַנ'אינטעגראַלער טייל פון „פּועלי־ציון“־פּראָגראַם. מיר האָבען געוואוסט, אַז מיט'ן ערובערן די אומאָפּהענגיגקייט וועט לייכטער ווערען דער קאַמף פאַר'ן סאָציאַליזם, אויך דער יודישער אַרבייטער קעמפט גלייכצייטיג פאַר'ן סאָציאַליזם און פאַר זיין נאַציאָנאַלער בעפרייאונג.

וואָס זעהען מיר אָבער נאָך צעהן יאָהר פּוילישער אומאָפּהענגיגקייט? מיט ווייטאָג קאָנסטאַטירען מיר, אַז די האָפנונגען פון אַרבייטער־קלאַס זענען אין דער קלענסטער מאָס אפילו נישט פערווירקליכט געוואָרען, פון איין זייט אַ קלאַס פון בעזיצענדע, וואָס לעבען אין לוקסוס און רייכטום, פון דער אַנדערער — נויט, עלענד, קראַנקהייטען און הונגער. די סאָציאַלע ערובערונגען, וועלכע זענען דורכ'ן אַרבייטער־קלאַס מיט זיין בלוט אויסגעקעמפט געוואָרען, ווערען פערשמעלערט און עס ווערען אויך געמאַכט אָנגריפען אין די רעשטלעך פון פּאָליטישע רעכט.

דער לאַגער, וואָס איז פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם דאָזיגען מצב איז דער לאַגער פון מאַרשאַל פּילסודסקי. די רעגירונג שטיצט די גרויסע פּריצים און פאַבריקאַנטען.

בעזונדערס שווער איז די לאַגע פון די יודישע מאַסען. געגען יודישע אַרבייטער ווערט פּשוט אַדורכגעפיהרט אַ באָיקאָט. מ'דערלאָזט נישט קיין אָנגעשטעלטע צו מלוכה־פּאָסטענס און קיין יודישע אַרבייטער צו עפנטליכע אַרבייט, די יודישע שולען ווערען נישט נאָר נישט סובסידירט נאָר ווערען אויף אַנ'אומגערעכטען אופן פערפאָלגט.

צוליב דעם אַלעמען וועט די פּועלי־ציון־פראַקציע שטימען פאַר ענדערען די קאָנסטאַנטינער גאַס אויף 11 נאָוועמבער, די אַלעקסאַנדער־גאַס אויף באָלעסלאַוו לימאַנאָווסקי, וועט אָבער שטימען געגען אָנרופען די ווסכאָדניע־גאַס מיט'ן נאָמען יוזעף פּילסודסקי.

דער פאָרשטעהער פון כ. ד. ציראַנסקי האָט זיך געוואָלט אַרויסרעדען פון אַ פּאָליטישער דיסקוסיע און האָט אַריינגעטראָגען אַ פאַרשלאַג אָפּצולעגען די גאַנצע פראַגע ביז ס'וועלען בכלל רעגולירט ווערען די נעמען פון די לאָדזער גאַסען.

ראַטמאַן ד"ר טאָמאַשעווסקי, דער איינציגער סאַנאַטאָר אין שטאָדט־ראַט זאָגט צווישען אַנדערען, אַז ער וועט „נישט בעשולדיגען דעם „בונד“ אָדער די „פּועלי־ציון“ אין פיינדשאַפט צו דער פּוילישער מלוכה, ער ערקלערט אָבער, אַז זיי זענען גלייכגילטיג צו דעם גורל פון דער פּוילישער מלוכה. אַזעלכע רעדעס, ווי פון ראַטמ. ליכטענשטיין און האָלענדערסקי פערטיפען נאָר דעם אָפּגרונד, וועלכער עקזיסטירט צווישען דער פּוילישער און יודישער געזעלשאַפט.

ד"ר טאָמאַשעווסקי פרעגט ווייטער, פאַרוואָס מ'ענדערט נישט אויף מאַרשאַל פּילסודסקי די פּיעטריקאָווער אָדער ציגעל־גאַס, נאָר אַ שמוציג, שמאָלע גאַס ווי די ווסכאָדניא און ווען אויף פּייפער־גאַס וואָלט געווען אַמאָל די דרוקעריי פון „ראָבאָטניק“ וואָלט מען די פּייפער־גאַס אָנגערופען פּילסודסקי־גאַס? דער רעדנער לעגט פאָר, אַז די קאָנסטאַנטינער גאַס זאָל הייסען פּילסודסקי און די רעשטע זייט פון ציגעל־גאַס צוזאַמען מיט דער נייער ציגעל־גאַס זאָל הייסען — 11. נאָוועמבער.

ראַטמאַן וואָיעוואָדזקי (נ.פּ.ר.) בעמיהט זיך אָנצוווייזען, אַז דער „בונד“ איז שטענדיג געווען פאַר אַ פעדעראַציע פון פּוילען מיט רוסלאַנד.

דער רעדנער ווייזט אָן, אַז דעם אַרבייטער איז ביי דער פּילסודסקי־רעגירונג פיל בעסער, ווי עס איז איהם געווען ביי די פריהערדיגע רעגירונגען.

דאַן גייט דער רעדנער איבער צו דער יודען־פראַגע און זאָגט: מיר זענען פאַר דער פולסטער גלייכבערעכטיגונג פאַר יודען (?) אָבער זיי מוזען זיין לאָיאַלע בירגער, זיי זאָלען נישט זיין גלייכגילטיג צו אונזער גורל. זיי זאָלען זיך נישט אָננעהמען פאַר די אוקראַאינער הייראַמאַקעס. יודען דאַרפען בעקומען אַרבייט, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען ס'איז פערהאַן צופיל, אָבער ווען מ'דאַרף אויסקלויבען צווישען אַ יודען און פּאָלאַק, דאַרף די אַרבייט בעקומען דער פּאָלאַק.

דאַן האַלט אַ גרויסע פּאַטריאָטישע רעדע וויצע־פּרעזידענט ד"ר וויעלינסקי, דער תמצית פון זיין רעדע איז, אַז די פּ.פּ.ס. איז טאַקע אינטערנאַציאָנאַל, אָבער איין זאַך בינדט זיי מיט'ן גאַנצען פּוילישען פאָלק אָהן אונטערשיד פון ריכטונג — דאָס איז דער פּאַטריאָטיזם. מיר זענען אין דער אָפּאָזיציע צו דער איצטיגער רעגירונג, אָבער מיר געדענקען דעם היסטאָרישען ווערט פון פּילסודסקי'ס קאַמף און מיר וועלען שטימען פאַר אָנרופען אַ גאַס אויף זיין נאָמען.

ראַטמאַן מינצבערג (אַגודה) גיט אָפּ פאָלגענדע ערקלערונג: דאָס איבערענדערען די נעמען פון די גאַסען דאַרף נאָר דינען צו דער פעראייביגונג פון אָנדענק פון פּוילענס אומאָפּהענגיגקייט, אַלס אַזעלכעס אָנערקענען מיר נאָר די נאָמען פון 11. נאָוועמבער און יוזעף פּילסודסקי. די פּ.פּ.ס. וויל אָבער ביי דער פּוילישער אומאָפּהענגיגקייט אָפּפּראַטען זייער סאָציאַליסטישען בראַטען און דעריבער וועלען מיר זיך ביי דער פראַגע וועגען געבען דער אַלעקסאַנדראָווסקאַ גאַס דעם נאָמען פון לימאַנאָווסקי, אָפּהאַלטען פון שטימען.

וויצע־פּרעזידענט וויעלינסקי שרייט אויס: אָבער אויף אַ גאַס, אויפ'ן נאָמען פון סקאַלאָן האָט איהר יאָ געשטימט!

ראַטמ. שוואַנקאָווסקי „רעסורסאַ“ זאָגט, אַז ער פיהלט נישט (אודאי נישט), אַז פאַר יודען זאָל אין פּוילען זיין אַנדערע רעכט ווי פאַר פּאָלאַקען. וואָס שייך די יודישע אַרבייטער, וואָס מען לאָזט נישט צו צו אַרבייט, מוז דאָך דערביי עפּעס זיין, אַ סימן, אַז אַפילו יודישע פאַבריקאַנטען אין לאָדז לאָזען אויך נישט צו קיין יודישע אַרבייטער. ער לעגט פאָר, אַז די ווסכאָדניע גאַס זאָל נישט הייסען יוזעף פּילסודסקי, נאָר מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי.

לאַווניק פּורטאַל: ראַטמאַן מינצבערג איז בעגאַנגען אַנ'אומגעהויערען אומטאַקט, אָנרופענדיג איינעם פון די הייליגסטע נעמען פון די פּוילישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער, ווען נישט לימאַנאָווסקי וואָלט איהר יודען נישט דערגאַנגען צו אַזעלכע כּיבודים צו זיצען אין אַ סיים אָדער שטאָדט־ראַט און רעגירען מיט פּוילישע שטעט. די פּ.פּ.ס.'אישע פראַקציע נעהמט אָן די ערקלערונגען פון די אָרטאָדאָקסען אַלס פערזענליכע בעליידיגונג.

צום סוף איז אָנגענומען געוואָרען דער פאַרשלאַג צו ענדערען די נעמען פון די דריי דערמאָנטע גאַסען.

צום סוף פון דער זיצונג איז נאָך אָנגענומען געוואָרען דער דרינגענדער פאַרשלאַג פון דער „פּועלי־ציון“־פראַקציע זיך צו ווענדען צו דער רעגירונג, אַז אין די ווינטער־חדשים זאָל אָפּגעשטעלט ווערען דאָס אַרויסגעבען פון עקסמיסיעס. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש, אַז צווישען די דריי ראַטמענער, וועלכע האָבען געשטימט געגען דער דרינגליכקייט האָט זיך אויך געפינען דער פאָרשטעהער פון די לאָדזער האַנדווערקער ה' מאַרעק פיין.

„אַרט“
זאַכאָדניאַ 43
יודישער קאַמער=טעאַטער
לייטונג: מ. בראָדערזאָן.
היינט 2 פאָרשטעלונגען:
אָנהויב 7.45 (פּאָפּולערע פּרייזען)
און 10 אָוונט.
„לאַטקעס“
1) אובערטור 2) נאָקטורען 3) קאַפּעליוש 4) באַלעבאַטיש 5) קיילע־ביילע 6) מורינו אַליבאַבאַ 7) וואַסער־טרעגער 8) לאַטקעס 9) ווייב און געליבטע 10) ס'יודישע געסעל
טעקסטען פון משה בראָדערזאָן, משה נאַדיר, אַהרן צייטלין און ב. קאַווענער. מוזיק: דוד בייגעלמאַן און י. בוים.
די קאַסע איז אָפען טעגליך פון 6 אָוו., שבת פון 1.30 ביז 5 נאָכמ. און פון 7 אָוונט.

אויטאָ־קאַטאַסטראָפע.

(2) מיט דעם אויטאָבוס, וועלכער קורסירט צווישען לאָדז און פּיעטרקאָוו איז געשעהען אַ קאַטאַסטראָפע. דער שאָפער מאַצעי ביענקאַ האָט אין אַ שיכור'ן צושטאַנד געוואָלט אויסמיידען אַנ'אָנקומענדען טראַמוואַי, ער האָט עס אָבער געטון אויף אַזאַ אומגעלומפּערטען אופן אַז דער אויטאָבוס איז אַרויף אויף אַנ'עלעקטרישען סלופּ. דער צוזאַמענשטויס איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז דער סלופּ האָט זיך איבערגעקעהרט, דער אויטאָבוס ערנסט בעשעדיגט און די 6 פּאַסאַזשירען אַרויסגעוואָרפען און ערנסט פערוואונדעט געוואָרען. דעם שכור'ן שאָפער האָט מען צוגעצויגען צו געריכטליכע פעראַנטוואָרטליכקייט.

בעקליידונג פון מלבוש־ערומים

היינט קומט פאָר די בעקליידונג פון אָרימע קינדער אין פעראיין מלבוש־ערומים.

ראַיאָן־קאָנפערענץ פון התאחדות אין לאָדז.

היינט 10 אַ זייגער פריה הייבט זיך אָן די ראַיאָן־קאָנפערענץ פון גאַנצען לאָדזער אומגעגענד, פון די ציוניסטישע אַרבייטס־פּאַרטיי „התאחדות“.

פעריען

אין די מיטעל=שולען.

(2) די ווינאַכטס־פעריען אין אַלע לאָדזער מיטעל־שולען וועלען זיך אָנהויבען דעם 22 דעצעמבער און וועלען דויערען ביז'ן 3 יאַנואַר. די שול־דירעקציעס האָבען בעקומען אַ פעראָרדנונג פון קוראַטאָריום, אַז אויף דער צייט פון די פעריען, זאָלען זיי די קינדער נישט בעלאַסטען מיט קיין צו שווערע אַרבייטען.

זעלבסטמאָרד

פון אַ 15=יעהריג מיידעל.

(2) אין נאַכט־לעגער־הויז אויף זשעראָמסקאַ 44 האָט זיך גענומען דאָס לעבען דורך אויסטרונקען סם, די 15־יעהריגע אירענאַ בראַנד, וועלכע האָט צייטווייליג דאָרט געוואוינט. די פּאָגאָטאָוויע האָט די זעלבסטמערדערין אָפּגעפיהרט אין דער זביאָרגניא.

ווידער אַ מאָרד אין מיטען שטאָט.

(ענדע פון 3־טער זייט).

בען. ערשט אַרום 12 אַ זייגער איז אַרויסגערופען געוואָרען די פּאָגאָטאָוויע פון „לינת הצדק“ און דאָקטאָר ליפּשיץ האָט זיך איינגעגעבען דאָס מיידעל צו ברענגען צום בעוואוסטזיין.

ד"ר ליפּשיץ האָט דעם דינסטמיידעל אויסגעפּלומפּט דעם מאָגען און אַזוי אַרום געבראַכט צום בעוואוסטזיין, ווי ד"ר ליפּשיץ שטעלט פעסט, האָט די קוקולסקאַ קיין בראָנפען נישט געטרונקען נאָר איז מיט עפּעס פערסמט געוואָרען.

אויפ'ן טיש אין צימער פון דינסטמיידעל איז געבליבען שטעהן אַ גלאָז בראָנפען, אַ גלעזעל און אַ טעלער פון זעמעל. אויפ'ן גלעזעל זענען געבליבען די פינגער־צייכענס פון'ם מערדער און די פּאָליציי האָט גלייך געמאַכט די דאַקטילאָסקאָפּישע אויפנאַהמען.

נאָכ'ן צוריקברענגען די קוקולסקאַ צום בעוואוסטזיין האָט די פּאָליציי אָנגעהויבען דעם ערשטען פערהער. די פּרטים פון פערהער ווערען זעלבסטפערשטענדליך געהאַלטען בסוד, ס'איז אָבער זיכער, אַז די ערקלערונגען פון דער קוקולסקאַ וועלען ברענגען צו דער אויפקלערונג פון דעם געהיימנישפולען מאָרד און צום אַרעסט פון אַכזריותדיגען מערדער.

אַ דינסטמיידעל פון קרול'ס אַ שכן ערקלערט, אַז 8 אַ זייגער אין אָוונט האָט זי געזעהן אַריינגעהן צו דער קוקולסקאַ אַ יונגערמאַן, וועלכען די קוקולסקאַ האָט איהם געהאַט פאָרגעשטעלט, אַז ער רעכנט זיך צו איהר. דער דאָזיגער יונגערמאַן איז זייט אַ געוויסע צייט זעהר אָפט אַריינגעקומען צו קרול'ס דינסטמיידעל. ווי מען איז זיך משער זאָל דער דאָזיגער פערשוין זיין דער מערדער.

שאַרפער וואָרט-אויסטויש

צווישען מינ. זאַלעסקי און מינ. שטרעזעמאַן אין פעלקער-ליגע-ראַט.

לוגאַנאָ, 15. (אַטע). אויף דער טאָג־אָרדנונג פון דער הײַנטיגער זיצונג פון ראַט פון דער פעלקער־ליגע האָט זיך געפונען די פראַגע פון דער דײַטשער מינדערהייט אויף אויבערשלעזיען. בײַ דער דיסקוסיע איז געקומען צו אַ שאַרפען צוזאַמענשטויס צווישען דעם מיניסטער זאַלעסקי און דעם דײַטשען אויסערן־מיניסטער שטרעזעמאַן, אין אַ לענגערע רעדע האָט דער מיניסטער זאַלעסקי שטאַרק אַטאַקירט די טעטיגקייט פון דײַטשען „פאָלקסבונד" אין אויבערשלעזיען, בעשולדיגענדיג איהם, אַז ער האַנדעלט נעגען דעם גייסט פון דער גענפער קאָנווענץ. זייט אַ געוויסער צייט פערשיט דער פאָלקסבונד די פעלקער־ליגע מיט נישט בעגרינדעטע אַנקלאַגען, וועלכע צילען צו קאָמפּראָמיטירען פוילען פאַר דער געזעלשאַפטליכער מיינונג.

אויף דער ראָוינער רעדע האָט אין אַ זעהר אויפגערעגטען טאָן געענטפערט מיניסטער שטרעזעמאַן, ער האָט געקלאַפּט אין טיש און פאָרגעוואָרפען פוילען פיל חטאים. שטרעזעמאַן האָט דערבײַ אָפיציעל ערקלעהרט, אַז דײַטשלאַנד וועט אויף דער נאָהענטסטער זיצונג פון פעלקער־ליגע־ראַט שטעלען אויף דער טאָג־אָרדנונג די מינדערהייטס־פראַגע אין איהר גאַנצער ברייט.

מיניסטער בריאַן האָט בײַם שליסען די סעסיע פון פעלקער־ליגע־ראַט געפרובט צו לינדערן דעם קאָנפליקט צווישען מיניסטער זאַלעסקי און שטרעזעמאַן.

נאָכ׳ן פערענדיגען די זיצונג פון פעלקער־ליגע־ראַט האָט זאַלעסקי ערקלעהרט די פּרעסע־פאַרשטעהער, אַז מינ. שטרעזעמאַן האָט איהם שלעכט פערשטאַנען.

מיניסטער זאַלעסקי האָט אויך אָנגעוויזען אויף דער אַנטי־פּוילישער טעטיגקייט פון דײַטשען פאָלקסבונד אין אויבערשלעזיען.

בעשלוס פון פעלקער-ליגע-ראַט וועגען פויליש-ליטווישע ענינים.

לוגאַנאָ, 15 (ספּ. טעל.) אויף דער פרייטאַג׳דיגער זיצונג האָט דער ראַט פון דער פעלקער־ליגע אָנגענומען אַ בעשלוס אויפצופאָדערן די טראַנזיט־קאָמיסיע, אַז זי זאָל געפונען מיטלען ווי צו רעגולירען די קאָמוניקאַציע פראַגע, כדי צו לינדערן די אינטערנאַציאָנאַלע פאָלגען פון דעם דאָזיגען בלויז.

וואָלדעמאַראַס האָט אָנגענומען דעם דאָזיגען בעשלוס, אויך מיניסטער זאַלעסקי האָט דעם בעשלוס אָנגענומען מיט דעם פאָרבעהאַלט, אַז די טעריטאָריאַלע פראַגע וועט נישט בעריהרט ווערען.

אָפּגעוואָרפען דעם יוד. פאָרשלאַג

געגען מעכאַניזירען די בעקערייען.

וואַרשאַ, 15 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). אויף דער פרייטאַג דיגער זיצונג פון דער אַדמיניסטראַטיווער סיים קאָמיסיע איז בעטראַכט געוואָרען דער פאָרשלאַג פון דעפּ. ראָזנער (יוד. קאָלאָ) וועגען אָפּשטעלען דאָס פערמאַכען די בעקערייען און אָפּלעגען די פראַגע פון מעכאַניזירען די בעקערייען. דער פאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען.

דער קאָנפליקט וועגען דער רעאָרגאַניזאַציע פון געריכטס-וועזען

וואַרשאַ, 15. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אויף דער פרייטאַג׳דיגער זיצונג פון סיים איז אין דער צווייטער לעזונג בעשלאָסען געוואָרען אָפּצולעגען די רעאָרגאַניזאַציע פון געריכטס־וועזען אויף אַ יאָהר צייט.

דער וויצע־מיניסטער האָט אָבער ערקלערט אַ צייטונגס־פאָרשטעהער, אַז אויב דער דאָזיגער בעשלוס וועט אויך אָנגענומען ווערען אין דער דריטער לעזונג, וועט די רעגירונג דאָך די רעאָרגאַניזאַציע אײַנפיהרען פון 1. יאַנואַר אָן.

Dr. Z. Rakowski
ספּעצ. פאַר אויערן, נאָז, האַלז און לונגען־קראַנק־ [illegible]
קאָנסטאַנטינער 9. טעלעפאָן 27-61
[illegible]

אַלע צאַרישע יודען-בעגרענצונגען

זענען שוין פאַקטיש אָפּגעשאַפט געוואָרען, זאָגט מיניסטער מיישטאָוויטש.

וואַרשאַ, 15. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). אויף דער פרייטאָגדיגער זיצונג פון דער ביודזשעט־קאָמיסיע בײַם סיים האָט דער וויצע־מיניסטער מודה געווען, אַז ער האָט זיך קאָמפּראָמיטירט מיט דעם בעריהמטען אַנטיסעמיטישען ביולעטין פון אויסערן־מיניסטעריום. דער וויצע־מיניסטער האָט צוגעשיקט דעם רעפּ. ראָזמאַרין אַן אָפיציעלע ערקלעהרונג, אַז צוליב דעם, וואָס אינפאָרמאַציעס וועגען דער יודישער פּרעסע שטעלט צו דעם אויסערן־מיניסטעריום אַ וואַרשעווער אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ, האָט מען איבערגעגעבען דעם דירעקטאָר פון דאָזיגען ביוראָ, לובלינער פערטיג צו מאַכען אַ ביולעטין וועגען די יודען אין פוילען, וואָס איז געווען בעשטימט פאַר דער אויסלענדישער פּרעסע, צוליב דער צוטרוי וואָס דאָס מיניסטעריום האָט געהאַט צום דיר. לובלינער איז דער ביולעטין נישט קאָנטראָלירט געוואָרען און איבערגעשיקט געוואָרען קיין אויסלאַנד. צום גליק איז דער ביולעטין נאָך נישט פערעפענטליכט געוואָרען אין דער אויסלענדישער פּרעסע און ער איז דורכ׳ן אויסערן־מיניסטעריום צוריקגעצויגען געוואָרען.

דער ביודזשעט פון אויסערן־מיניסטעריום איז אָנגענומען געוואָרען אין דער צווייטער לעזונג.

דאַן איז די קאָמיסיע צוגעטרעטען צו בעטראַכטען דעם ביודזשעט פון יוסטיץ־מיניסטעריום. דער מיניסטער מיישטאָוויטש האָט אין זײַן רעדע אָפּגעגעבען פאָלגענדע ערקלעהרונג: מ׳האָט דאָ געזאָגט, אַז ס׳ווערען נאָך איצט אָנגעווענדעט די אַנטי־יודישע געזעצען, לויט מײַן מיינונג זענען די דערמאָהנטע געזעצען נאָר אַ טויטע ציפער, אין אַזאַ מיינונג איז אויך דאָס העכסטע געריכט, וועלכעס איז פאַר מיר פערפליכטענד. אויב אין מיניסטעריום פאַר אַגראַר־רעפאָרם אָדער אין אינערן־מיניסטעריום זענען געווען פאַלען ווען מ׳האָט דאָס נישט אָנערקענט קען איך נישט פעראַנטוואָרטליך זײַן.

25 מיליאָן דאָלאַר

פאַר׳ן ווירטשאַפטליכען אויפבוי פון ארץ-ישראל.

לעמבערג, 15. (יט״א). דער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע פּראָפ. בראָדעצקי, וועלכער ווײַלט איצט אין לעמבערג, האָט דעם פאַרשטעהער פון יט״א געגעבען פאָלגענדע אינפאָרמאַציעס וועגען דער יודישער אַגענץ. די גרופּע פון לואי מאַרשאַל האָט זיך מתחייב געווען צו שאַפען אַ פאָנד פון פינפאונצוואַנציג מיליאָן דאָלאַר פאַר ווירטשאַפטליכער און שטעטישער קאָלאָניזאַציע. מיט דער אַקציע וועט אָנפיהרען ד״ר פרענקעל. רעדענדיג וועגען דער לעצטער סובסקריפּציע פון לאָרד מעלטשעט האָט פּראָפ. בראָדעצקי ערקלערט, אַז די אָפּלייקענונג פון לאָרד מעלטשעט וועגען זײַן סובסקריפּציע אויף הונדערט ט׳ויזענד פונט, איז ריכטיג בלויז פאָרמעל. פאַקטיש איז עס שוין רעאַליזירט.

די יודישע אַגענץ האָט געזאָלט בעשטעהן פון 150 פערזאָנען, פון דעם האָבען די אַמעריקאַנער געזאָלט בעקומען 75 ערטער. די קאָמיסיע האָט איצט בעשטימט, אַז די אַגענץ זאָל בעשטעהן פון 200 פערזאָן. פוילען וועט דאַן האָבען אין דער אַגענץ פופצעהן ערטער. דער פּלענום פון דער יודישער אַגענץ וועט פאָרקומען באַלד נאָכ׳ן קאָנגרעס און וועט פאָרקומען אינ׳ם זעלבען בנין.

ד״ר וואַלדמאַן צוריק אָפּגעפאָהרען קיין בערלין.

(ז) ווי בעוואוסט, ווײַלט איצט אין פוילען און לעצטענס אין לאָדז דער בעקאַנטער ציוניסטישער טוער און רעדאַקטאָר פון „יודישער רונדשוי" ד״ר משה וואַלדמאַן, וועלכער איז געקומען צוזאַמען מיט דער פּאַלעסטינער דעלעגאַציע אָנצופיהרען די אַקציע פאַר׳ן קרן־היסוד.

די מאַכט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פערלענגערען די וויזע פון ד״ר וואַלדמאַן, וועלכער האָט געמוזט אָפּפאָהרען צוריק קיין בערלין.

רומעניע׳ס רעגירונגס-פּאַרטיי געגען אַנטיסעמיטיזם.

בוקאַרעשט, 15. (יט״א טעלעגראַפיש). דער פיהרער פון דער פויערים־פּאַרטיי האָט אויפ׳ן פּאַרטיי־קאָנגרעס אין יאַסי אויפגעפאָדערט צו אַן ענערגישען קאַמף געגען אַנטיסעמיטיזם. דער אַנטיסעמיטיזם — האָט ער געזאָגט — איז פּאָליטיש־נאַריש און פערגיפטעט די נשמה.

וועגען שטייער-רעפאָרם אין א״י

לאָנדאָן, 15. יט״א טעלעגראַפיש). אויף דער לעצטער פּאַרלאַמענט־זיצונג האָט קאָלאָנעל וועדזשוואוד אָנגעפרעגט דעם קאָלאָניען־מיניסטער צי איז שוין אַדורכגעפיהרט געוואָרען די שטייער־רעפאָרם און צי זענען די רעפאָרמירטע שטייערן אײַנגעפיהרט אין אַלע יודישע קאָלאָניעס. אין נאָמען פון קאָלאָניען־מיניסטעריום האָט געענטפערט קאַפּיטאַן נעררושעסטאָן: ער האָט ערקלערט, אַז מיט דער שטייער־רעפאָרם ווערען געמאַכט עקספּערימענטען די לעצטע 2 יאָהר. די רעפאָרמירטע שטייערן זענען אײַנגעפיהרט אין אייניגע קרייזען, ער איז אָבער נישט אינפאָרמירט — צי זיי זענען אײַנגעפיהרט אין אַלע יודישע קאָלאָניעס.

דער דײַטשער אַמבּאַסאַדאָר אין אונגאַרן

האָט דערשאָסען זײַן לאַקײַ.

בודאַפּעשט, 15 (ספּ. טעל.) דער דײַטשער אַמבּאַסאַדאָר אין אונגאַרן פאָן שען, האָט וועלענדיג שיסען אַ קאַטשקע געטראָפען אין זײַן לאַקײַ און איהם דער׳הרג׳עט אויפ׳ן אָרט.

גאַנץ לאָדז האָט געזונגען „יאַנקעלע" מיט
מאָלי פּיקאָן און יעקב קאַליך
וואו? ווען?
און גאַנץ לאָדז וועט מען זעהן און בעוואונדערן די אין זייער פיעסע
„מזרח און מערב"

פאָלקס-אוניווערזיטעט בײַ דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.
הײַנט, זונטאָג, דעם 16. דעצ. — 2 פאָרלעזונגען:
א) 5 נאָכמ. אין לאָקאַל פון „סיני" (גליבנאַ 62)—אינזש. י. זשעלינסקי אויף ד. ט.: „די 4 יסודות פון דער וועלט" (2 טער רעפעראַט)
ב) 8.30 אָוו. אין לאָקאַל פון דער ציוניסט. אָרג. (צעגעלנ. 4) דיר. א. פּערעלמאַן, טעמע: „די מאָדערנע שטרעמונגען אין דער פּעדאַגאָגיק. אײַנגאַנג פרײַ!
די נאָהענטסטע פאָרלעזונג:
דינסטאַג, 18/12, 8 אין אָוונד אין לאָקאַל פון דער ציוניסט. אָרגאַניזאַציע (צעגעלנ. 4)— ד״ר וו. פאַלעק (פּויליש): „דער יוד פון שעקספּיר".
9918

אינטערפּעלאַציע אין סיים

וועגען די פערבאָטענע מיטינגען פון „התאחדות" אין לאָדז.

וואַרשאַ, 15. (טעלעפאָניש). אויף דער נעכטיגער זיצונג פון סיים האָט רעפּ. העלער אַרײַנגעטראָגען אַן אינטערפּעלאַציע וועגען פערבאָט פון דער לאָדזער שטעטישער סטאַראָסטווע אָפּצוהאַלטען דורך „התאחדות" 3 מיטינגען א.ד.ט. „ווי אַזוי ראַטעוועט מען דאָס פוילישע יודענטום פון אונטערגאַנג". אויף די דאָזיגע מיטינגען האָט אויך געזאָלט אַרויסטרעטען רעפּ. העלער.

ב. אייטינגאָן און אָסקאַר קאָן

אַלס מיטגלידער פון דער יודישער אַגענץ.

(ג) ווי די „ז. מ. ג." טיילט מיט זאָלען אַלס מיטגלידער פון פוילען אין דער יודישער אַגענץ בעשטימט ווערען דער באַנקיר שערעשעווסקי פון וואַרשאַ און די אינדוסטריעלער באַריס אייטינגאָן און אָסקאַר קאָן פון לאָדז.

אָהן יודען און משומדים...

וואַרשאַ, 15 (טעלעפאָניש). דער סענאַט בײַם וואַרשאַווער אוניווערזיטעט האָט נישט בעשטעטיגט דעם סטאַטוט פון פעראיין פון די סטודענטען פון יורידישען פאַקולטעט, אין וועלכען ס׳ווערט געזאָגט, אַז אין פעראיין ווערען נישט אָנגענומען קיין יודען און משומדים.

אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון פעראיין איז דאָך דער סטאַטוט אָנגענומען געוואָרען. די לינקע סטודענטען פון דער סעקציע פון די קאָמוניסטען האָבען דעריבער פערלאָזט די זיצונג און האָבען ערקלערט, אַז זיי וועלען צוזאַמען מיט די יודען גרינדען אַ נייעם פעראיין.

די צאָהל חתונות און גט׳ן אין לענינגראַד.

ווי עס בעריכטעט די לענינגראַדער „קראַסנאַיאַ גאַזעטאַ" פערנעהמט איצט לענינגראַד דעם ערשטען אָרט צווישען די גרויסע שטעדט פון דער וועלט לויט דער צאָהל חתונות און גט׳ען.

אויף יעדע צעהן טויזענד אײַנוואוינער זענען לעצטען יאָהר אין לענינגראַד פאָרגעקומען 150 חתונות. אין מאָסקווע — 125, אין פּאַריז — 114, אין בערלין — 98, אין לאָנדאָן — 79.

דערפאַר אָבער איז די צאָהל גט׳ען אין לענינגראַד אויך גרעסער ווי די אין אַנדערע וועלט־שטעדט. אין יאָהר 1926 איז אויף יעדע צעהן טויזענד אײַנוואוינער אויסגעקומען 36 גט׳ען. לעצטען יאָהר האָט זיך שוין די צאָהל פערגרעסערט אויף 98. דאָס הייסט, אַז אויף יעדע צעהן טויזענד אײַנוואוינער זענען פאָרגעקומען 98 גט׳ען, בעת אין בערלין זענען פאָרגעקומען בלויז 18 און אין פּאַריז זאָגאַר נישט מעהר ווי פופצעהן גט׳ען אויף יעדע צעהן טויזענד אײַנוואוינער.

Kalia
PERFUM MYDŁO-WODA KOLOŃSKA
F.&S. Stempniewicz, Poznań

Dr. med. STUPEL
.12 Szkolna 12.
ספּעציאַליסט פאַר הויט־, האָר און מענערישע קראַנקהייטען
סעקסועל - שוואַכע, ליזשע און ראַק, רענטגען־שטראַהלען און קוואַרץ־ליכט, עלעקטרא־טעראַפּיע.
נעהמט אָן פון 6 ביז 9 אין אָוונט.

פון מאָרגען אָן „די ווידוי פון אַ 16-יעהריגע"
קראַוז און שעלער
אויפ׳ן פאָן פון די דראַסטישע מאָדערנע סעקסועלע פּראָבלעמען, וואָס שפּיצט זיך אויף דער לעצטער טראַגעדיע אין בערלין פון דעם שילער
Kino „PALACE"

SPLENDID

היינט ווידערהאָלונג פון דער גרויסער פּרעמיערע!

פון דער ריהרענדער עראָטישער לעבענס־דראַמע פון דער נייעסטער פּראָדוקציע 1928-29 יאָהר

וואָלפסאָנ'ס צירק (Cyrk Wolfsona)

מעכטיגע עפּאָפּיי פון מענשליכע ליידענשאַפטן: ליבע, אייפערזוכט, שרעקליכער קאַמף פון אַ מוטער וועגן אַ קינד מיט אַ צווילדעטע מאַלפּע אויף דער שפּיץ פון אַ פּיל־שטאָקיגן קאָמין.

אין די הויפּט־ראָלן: די רייצענדע HELENA ALLAN און דער בעריהמטער Domenico GAMBINO | פּרעכטיגע צירק־סצענעס! איבעראַשענדע באַלעט־סצענעס! נישט־געזעהענע דרעסור פון ווילדע חיות!

בעמ.: דער דאָזיגער פילם האָט נישט געמיינזאַמעס מיט דעם אַמאָליג דעמאָנסטרירטן פילם אונטערן זעלבן נאָמען.

מוזיקאַלישע אילוסטראַציע אונטער דער ליטונג פון ה' א. טשודנאָווסקי. היינט אָנפאַנג 12 אַ זייגער בייטאָג.

פון 12 ביז 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג זענען די פּרייזן פון אַלע פּלעצער 50 גראָשען און 1 זלאָטי.

3 האַנדעלס־לאָקאַלען

ביי דער זאַוואַדזקאַ, שענקעוויטש גאַס און גרינעם־מאַרק

צו פּערמיטען.

די ערשטע 2 לאָקאַלען זענען גרעסערע, דער דריטער איז קלענער.

צו ערפאַהרען אַגראַדאָווא 72. 3163

אַכטונג, קאַלאַשען־פּעדריכטער!

ווילט איהר, אַז אייער אַרבייט זאָל נישט אומזיסט זיין, זאָלט איהר נור נוצען דעם קלעב־שטאָף

„Cement Renoma"

צו בעקומען אין אַלע געוועלבער פון שוסטער־צודאַטען.

קימפּעטאָרין — כירורגישע

קליניק

פון די דאָקטוירים שאַרלאָטאַ־אייגעראָוואַ רייטלער־קוריאַנסקאַ, מיכאַל קאַנטאָר און י. בוים.

לאָדז, אַגראַדאָווא 10, טעל. 13-57

1־טע און 2־טע קלאַס.

אַמבולאַטאָריום.

פרויען־קראַנקהייטען פון 1½—11½.

Dr. med. J. LUBICZ

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46

קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקריפּונגען פון די פּלייצעס און גלידער. אייגענע פּראַצעדוריע פון ועטעליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען, ווי: וועלטדעקס אויף פּלאַטפוסען, קאָנטראַקציע פיס, גאַרסעטען א. ז. וו.

עמפּפאַנגט פון 5—7 אין אָוונט.

לעטשניצע

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען און רענטגענישער קאַבינעט.

בזשעזשינער 11, טעלעפאָן 37-63

אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוונט.

ד"ר האַלינסקי נאָז, האַלז, אויערן קר.	4—5
ד"ר קערשנער קינדער קראַנקהייטען	9-11 4½-5
ד"ר שיפמאַן אינערליכע קראַנקהייטען	11—1
ד"ר לובינסקי הויט און געשלעכט-קר.	12½—1½
ד"ר שפּיגעלד נערווען און גמטיגע קר.	1—2
ד"ר גאָלדבלאַט אויגען־קראַנקהייטען	12½—½
ד"ר עליאַסבערג כירורגישע קראַנקה.	1—2
ד"ר בערנמאַן פרויען און געבורטס־הילף	3—4

[illegible] שפּראַך־שטערונגען ווי שטאַמלען א. א. ווי [illegible] קינסטליכע בערג־זונ־בעשטראַהלונג אינפעקציאָנען, [illegible] עלעקטריזאַציע, אָפּעראַציעס. אויף [illegible] און שמאַל.— אין לאַבאָראַטאָריום ווערען [illegible] אַנאַליזען, ווי אויך פּלעקנע און בלוט [illegible] געגען שקאַרלאַטין.

[illegible] זכי סטאָראָפּאָלסקא

צאָהן־אַרצט 10—1 3—6

קינסטליכע צייהן, קאַראָנקען, פּלאָמבען א. א. וו.

לעטשניצע איז אויך עפענט זונטאָג.

Dr. ADAM

GROSGLIK

Al Kościuszki 27

tel. 51-78,

[illegible] און ווענערישע קראַנקה. ראַנטגען און ליכט־היילאונגען, [illegible] פון 4—7 אין אָוונד

צוריקגעקעהרט

א גרויס

פּראַנט־געוועלב

מיט אַ גאַנצער איינריכטונג ווי אויך אַ שטוב איז איבערצוגעבען פון זאָפאָרט. נאָוואָ־צעגעלניאַנאַ 29.

אַ שלאָסער

וועלכער קען זיך אומגעהן מיט אַ מאָטאָר און ביי אַ קעסעל פון צענטראַל־בעהייצונג ווערט געזוכט צו מעלדען זיך שענקעוויטשאַ 3/5 אין אינטערנאַט

אַ נייטאָרין

מיט אַן אָבערלאָק־מאַשין ווי אויך אַן אַרבייטערין וועלכע קען שפּריץ־דרוקעריי ווערן פון זאָפאָרט געזוכט

צו ערפאַהרען אין אַדמינ.

Dr. med. I. WAJNBERG

CEGIELNIANA 47, tel. 26-02

אינערליכע קראַנקהייטען. ספּעציעל פאַר לונגען־און האַרץ־קראַנקהייטען, בעשטראַהלונגען און קינסטליכע בערג־זון. אין דערהיים פון 3—5 נאָכמיטאָג

צוריקגעקעהרט.

LEKARZ DENTYSTA צאָהן־אַרצט

St. GELBERG

אַנאַרגיאַ 15, טעל. 31-08.

היילט גאַנץ פּערנאַפּעסיגטע צייהן. אין מאַגר־קראַנקהייט זיך אָהן שמערצען, היילט מיט ליכט בעשטראַהלונג, ספּעציעלער לאַבאָראַטאָריום פון קינסטליכע צייהן נעהמט אָן פון 9 פריה ביז 7 אָוונט.

Przetarg.

Magistrat m. Łodzi ogłasza pisemny publiczny przetarg na dostarczenie na Polesie Konstantynowskie w Łodzi zadołowanie i zlasowanie 2000 mtr.³ ciasta wapiennego dla wykończenia budującej się Kolonji Mieszkaniowej.

Oferty in minus od sumy zł. 41.00 za m.³ ciasta wapiennego z wapna kieleckiego, Kadzielnia, Brynica, Borochowieckiego lub Sulejowskiego, należy składać w Wydziale Budownictwa Magistratu m. Łodzi, Plac Wolności Nr. 14, pokój 41 do dnia 21 grudnia 1928 roku do godziny 12-ej w południe w kopertach zalakowanych pieczęcią firmową z napisem „Oferta na dostarczenie i zlasowanie wapna do budowy Kolonji na Polesiu Konstantynowskiem". Do oferty należy dołączyć dowód złożenia wadjum do dyspozytu Magistratu m. Łodzi w wysokości 3% oferowanej sumy w gotówce.

Oferty, nie odpowiadające warunkom przetargu lub złożone po terminie, nie będą rozpatrywane.

Oferty będą otwarte dnia 21 (dwudziestego pierwszego) grudnia 1928 roku, o godzinie 13-ej w Magistracie Plac Wolności Nr. 14, pokój Nr. 43 i w ciągu następnych 3-ch dni Magistrat rostrzygnie kto z ubiegających się utrzymał się na przetargu, poczem złożone wadja będą niezwłocznie zwrócone oferentom, którzy się nie utrzymali na przetargu, wadjum zaś oferenta, który utrzymał się pozostanie w Magistracie jako zabezpieczenie wykonania przyjętego przezeń w ofercie zobowiązania.

Informacje dotyczące warunków technicznych i terminów wykonania udzielane będą zainteresowanym w Oddziale Architektonicznym Wydziału Budownictwa od dnia 17 do dnia 20 grudnia 1928 roku, w godzinach urzędowych.—

Łódź, dnia 15 grudnia 1928 roku.

די פערוואַלטונג פון דער לאָדזער יודישע געז.

„דאָבראָטשינאָשטש"

לאַדעט איין די ה"ה מיטגלידער אַנטייל צו נעהמען אין דער

אַלגעמיינער פערזאַמלונג

וועלכע וועט פאָרקומען אין פעראיינס־לאָקאַל, זשכאָדניאַ 20 היינט, זונטאָג, דעם 16 דעצ. ה. י. 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

טאָג־אָרדנונג 1) ערעפנונג פון דער זיצונג, 2) וואַהלען פון אַ פאָרזיצער, סעקרעטאָר און אַסעסאָרען 3) איבערלייענען דעם פּראָטאָקאָל פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע, 4) בעשטעטיגען דעם בילאַנס און בעריכט פאַר'ן יאָהר 1927, 5) בעשטעטיגען דעם בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1928, 6) וואַהלען פון פערוואַלטונגס־מיטגלידער און רעוויזיאָנס־קאָמיסיע, 7) וואַהלען פון מיטגלידער פון : ענטראַלען קאָמיטעט צו בויען אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיג קראַנקע אין ראַדאָגאָשטש, 8) פאָרשלאָגען פון דער פערוואַלטונג און פעראיינס־מיטגלידער.

אויב די פערזאַמלונג וועט נישט צושטאַנדקומען אין אויבענדערמאָהנטען טערמין, וועט די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פאָרקומען צום צווייטען טערמין ביי יעדער צאָהל אַנוועזענדע מיטגלידער ד. 23 דעצעמבער 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג אין דעם זעלבן לאָקאַל אָהן ספּעציעלע בעקאַנטמאַכונגען.

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין עלטער פון 73 יאָהר אונזער ליבע און נישט־פערגעסענע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער, אורגרויסמוטער, שוועסטער און שוועגערין

נ"ע חיה הינדה סרעבּרניק

אשת ר' מרדכי ז"ל

די לויה קומט פאָר היינט זונטאָג, ג' טבת תרפ"ט, 12 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער־הויז פּולנאָצנאַ 26, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאַמיליע.

אַבאָנעמענטס־פּרייז אין לאָדז – 5 זל. אַ חודש מיט צושטעלען אַ היים. אויף דער פּראָווינץ – 6 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד מיט 30 פּראָצ. טייערער. [illegible]

אַנאָנסן־פּרייז פאַר'ן טעקסט—15 גר. פריטעקסט פון ערב יו"ט—20 גר. אין דער זייט 7 שפּאַלטן.

אין טעקסט—40 . . . . 60— . . . . 4 .

[illegible] טעקסט—1 . . . . 15— . . . . 7 .

[illegible] 50 פּראָצ. טייערער. [illegible] 100 פּראָצ. טייערער. [illegible] 10 גר. [illegible]

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman.
Czcionkami i druk „Najer Folksblat" Piotrkowska 21.